STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04995

DI BAFRAYUNG FUN DI SHVARTSE KNEKHT

S. Bastomski

Permanent preservation of this book was made possible
by Bertha Schulman
in memory of
husband, Sidney & daughter, Laura Schulman Gippetti

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די באַפרייונג
פון די שוואַרצע קנעכט

באארבעט לויט גאָרבונאָוו-פּאָסאַדאָוו א. אַנד.
פון ש. באַסטאָמסקי

אילוסטרירט

פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול“

ווילנע—1922

דרוקעריי
ב. ציונסאָן און קאָמפּ.,
ווילנע, טראָקער 13

די נעגערס אין אַפריקע.

פון קַדמונים אָן וואוינען אין מיטל און דָרום אַפריקע די שוואַרצע מענטשן אָדער, ווי מע רופט זיי אַנדערש—די נעגערס. דאָרט, אין אַפריקע, אונטער דער הייסער טראָפּישער זון, אין שאָטן פון די פּרעכטיקע פּאַלמעס, זייגען צעוואָרפן טויזנטער פון זייערע אָרימע דערפלאַך, וואָס באַשטייען פון קליינע שטרויענע הייזלאַך מיט שטרויענע דעכלאַך.

די שוואַרצע טיילן זיך אויף אַ סך שבטים. יעדער שבט לעבט זיך באַזונדער, האָט זיינע אייגענע מנהגים און געזעצן, ווערט אָנגעפירט פון אַ באַזונדער הערשער.

ביי היינטיקן טאָג זייגען שוין פאַראַן צווישן די נעגערס געלערנטע און געבילדעטע מענטשן. די צאָל פון די געבילדעטע נעגערס איז אָבער זייער אַ קליינע. דער גרעסטער טייל פון די שוואַרצע איז נאָך ביז איצט פאַרבליבן ווילד און אומוויסנד. לויטן כאַראַקטער זייגען די נעגערס אַ שטיל און פרידלאַך פאָלק. פאַראַן אפילו צווישן זיי אייניקע גאָר ווילדע שבטים, וואָס לעבן פון גזלה, דער גרעסטער טייל אָבער פאַרנעמט זיך מיט ערדאַרבעט, פיצוכט, געיעג אויף ווילדע חיות און מיט אַנדערע פרידלאַכע באַשעפטיקונגען.

די נעגערס זייגען זייער אַ גוטהאַרציק און גוטמוטיק פאָלק. אין זייער כאַראַקטער איז פאַראַן אַ סך קינדישעס: ווי קינדער פרייען זיי זיך מיט יעדער נייס, מיט יעדער פיינער צאַצקע. פאַר

אַ נישטיקער צאַצקע קען מען בײ זײ אָפּטמאָל אויסנאַרן אַלץ, וואָס זײ פאַרמאָגן.

די נעגערס זײנען זײער איבערגעגעבן און טרײ צו די אַלטע, וואָס באַגײען זיך מיט זײ פרידלאַך און פרײנדלאַך.

דער באַוווסטער רײזנדער איבער אַפריקע ליווינגסטאָן*) האָט געהאַט צווישן די נעגערס אַ סך פרײנד. זײנע שוואַרצע דינער האָבן אים פאַרהיט אין וועג פון די גרעסטע אומגליקן. זײ זײנען אַרומגעגאַנגען אַרום אים די גאַנצע צײט פון זײן קראַנקײט און, אַז ער איז געשטאָרבן, האָבן זײ פאַרבאַלזאַמירט זײן קערפער און געטראָגן אים אויף זיך אויף אַ מהלך פון הונדערטער וויאָרסטן, ביז וואַנען זײ האָבן אים געבראַכט צו די אײראָפּעער.

אַ צײט מיט יאָרן האָבן זיך די שוואַרצע רויִק געלעבט אויף זײערע ערטער, יעדער שבט אויף זײנע פעלדער און אין זײנע וועלדער. אַלץ אַרום איז געווען דעם שוואַרצן גאָענט, ליב און טײער.

אָבער פון קדמונים אָן האָבן שוין די מענטשן אָנגעהויבן צו פירן צווישן זיך מלחמות. די שטאַרקערע האָבן גענומען באַפאַלן די שוואַכערע, די קולטורעל אַנטוויקלטערע—די ווײניקער אַנטוויקלטע.

אין שכנות מיט די שוואַרצע האָבן פון קדמונים אָן געוואוינט מער אַנטוויקלטע פעלקער. דידאָזיקע פעלקער האָבן דאָס די ערשטע אָנגעהויבן צו פירן מלחמות מיט די שוואַרצע. שוין בײ די אַלטע מִצרים, מיט עטלאַכע טויזנט יאָר צוריק, געפינען מיר שוואַרצע קנעכט. שפּעטער, ווען די אַזיאַטישע הערשער זײנען אַרײנגעדרונגען קײן אַפריקע, האָבן זײ פאַרטיליקט אַ סך שוואַרצע שבטים און אַרויסגעפירט פון אַפריקע זײער פיל געפאַנגענע. נאָך שפּעטער האָבן דאָסזעלבע געטאָן אויך די גריכן און די רוימער. די זיגער האָבן געקוקט אויף די אומגליקלאַכע קנעכט מיט גרויס פאַראַכטונג, ניט ווי אויף מענטשן, נאָר עפּעס

*) זע: 1) „דייוויד ליווינגסטאָן, זײן לעבן און זײנע רײזעס" און 2) „הענרי סטענלי, זײן לעבן און זײנע רײזעס איבער אַפריקע" פון ש. באַסטאָמסקי, פאַרלאַג „נײע יידישע פאָלקסשול".

גאָר ווי אויף נידעריקערע באַשעפענישן. זיי פלעגן זיך באַגיין מיט די שוואַרצע ווי מיט בהמות און אַמאָל נאָך ערגער.

האַלטן קנעכט איז אין יענער צייט געווען אַ גאַנץ געווייגטלאַכע זאַך.

אין V יאָרהונדערט נאָך קריסטוסעס געבורט האָבן זיך אין צפון־אַפריקע געבילדעט עטלאַכע אַראַבישע מלוכות. די אַראַבער זיינען געווען מאַכמעדאַנער. דאָס הייליק בוך פון די מאַכמעדאַנער, דער קאָראַן, האָט געהאַלטן קנעכטשאַפט פאַר אַ געזעצלאַכע זאַך. די אַראַבער פלעגן זייער אָפט אָנפאַלן אויף די ישובים פון די שוואַרצע, פאַרכאַפן אַ סך געפאַנגענע און האַלטן זיי ביי זיך פאַר קנעכט. שפּעטער, אַז די צאָל פון די געפאַנגענע האָט זיך פאַרגרעסערט, האָבן די אַראַבער אָנגעהויבן די שוואַרצע קנעכט צו פאַרקויפן, אַוועקפירן זיי אויף די מערק פון מצרים, אַראַוויע, פערסיע, טערקיי און אַנדערע לענדער.

מיט דער צייט איז דער שענדלאַכער האַנדל מיט די קנעכט אַריבער אויך צו די אייראָפּעער.

אין מיטן פון XIV יאָרהונדערט איז דער פּאָרטוגיזישער פּרינץ העגריך אָפּגעפאָרן מיט אַן אָפּטיילונג פון פּאָרטוגיזישן חייל צו די ברעגעס פון אַפריקע, כדי אויסצופאָרשן דאָס לאַנד. איינעם פון די אָפיצירן האָט זיך פאַרוואָלט צו נעמען אין געפאַנגענשאַפט עטלאַכע אָרטיקע איינוואוינער — מ אַ ו ר ע ן. דער אָפיציר האָט געבראַכט די געפאַנגענע קיין פּאָרטוגאַל. דער פּאָרטוגיזישער קייסער האָט אָבער באַפוילן באַלד אָפּצופירן די געפאַנגענע צוריק אַהיים. דער אָפיציר האָט אויסגעפירט דעם קייסערס באַפעל. ער האָט אָבער געפאָדערט פאַר זיי ביי זייערע קרובים אַ סך אויסקויף־געלט. די קרובים האָבן אים געגעבן אַ סך גאָלד און חוץ דעם נאָך אַ צולייג — צען שוואַרצע קנעכט.

פון דער דאָזיקער געשיכטע זיינען געוואָרן אַ סך מענטשן. אַלע האָבן געקראָגן גרויס חשק צו אומזיסטע קנעכט און פיל פון די פּאָרטוגיזן האָבן זיך אַוועקגעלאָזן קיין אַפריקע,

כּדי צו פאַרנעמען זיך דאָרט מיט גערעג אויף די שוואַרצע. די פּאָרטוגיזן האָבּן דאָרט אויסגעבויט עטלאַכע פעסטונגען און גענומען זיך גאַנץ טיכטיק צו דער שענדלאַכער מלאכה.

ווי אַזוי קומען די שוואַרצע קיין אַמעריקע?

אין יאָר **1492** האָט דער דרייסטער איטאַליענער קריסטאָפאָר קאָלומבוס אַנטדעקט אַמעריקע*). קאָלומבוס איז געווען אַ שליח פון דעם שפּאַנישן קייסער און דעריבער זייגען די אַלע ניי-אַנטדעקטע לענדער אַריבער אין רשות פון דער שפּאַנישער מלוכה. די נייע לענדער האָבּן פאַרמאָגט אַ סך רייכטימער און דעריבער האָבּן זיך פיל שפּאַניער אַ לאָז געטאָן אַהין, כּדי אויף גיך דאָרט רייך צו ווערן.

דאָרט, אין די נייע לענדער, האָבּן זיי זיך אָבער געטראָפן מיט די אָרטיקע אייַנוואוינער. דאָס זייגען געווען די רויטהויטיקע אַמעריקאַנער אָדער, ווי די אייראָפּעער האָבּן זיי אָנגערופן — א י נ ד י אַ נ ע ר. דער דאָזיקער נאָמען נעמט זיך דערפון, וואָס קאָלומבוס האָט געמיינט, אַז ער האָט אַנטדעקט דאָס לאַנד אינדיע, וווהין ער האָט לכתחילה געהאַט בדעה צו פאָרן.

די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט די ערשטע צייט גאַנץ פריינדלאַך באַגעגנט די אייראָפּעער. באַלד האָבּן די רויטהויטיקע אָבּער דערזען, נאָך וואָס די ווייסע זייגען צו זיי געקומען. די שפּאַניער האָבּן גענומען הרגענען, ראַבּעווען, צונעמען בּיי זיי אַלץ, וואָס זיי האָבּן געהאַט. די ווילדע האָבּן זיך גענומען פאַרטיידיקן. ס׳האָט זיי אָבּער ווייניק געהאָלפן. די שפּאַניער זייגען געווען באַוואָפנט מיט בּיקסן און דעריבּער איז דער נצחון אַלע מאָל געווען אויף זייער זייט. די צאָל פון די געהרגעטע אינדיאַנער איז געוואַקסן, אייגער נאָך דעם אַנדערן פלעגן אַראָפּקומען קיין אַמעריקע נייע

---

*) זע דאָס בּוך — „ווי אַזוי קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע?“ פון ש. באַסטאָמסקי. פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול“.

מלחמה־פירער. די דאָזיקע לייט האָבן געטראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי רייך און באַרימט צו ווערן, און וואָס מער עמיצער פּלעגט אויסהרגענען אינדיאַנער, אַלץ באַרימטער פלעגט ער ווערן. גאַנצע מלוכות זיינען אַזוי אַרום אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, גאַנצע פעלקער פאַרטיליקט געוואָרן. אין אַ קורצער צייט זיינען אומגעקומען ביז 15 מיליאָן אינדיאַנער. דעם רעשט האָבן די שפּאַניער צוגענומען פאַר קנעכט. אַלע שפּאַניער, וואָס האָבן געוואוינט אין אַמעריקע, האָבן געהאַלטן ביי זיך קנעכט. די פרויען־קנעכט האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער, די מענער — אונטער דער ערד אין די שאַכטעס, ווו זיי פלעגן באַקומען די טייערע מעטאַלן און מינעראַלן.

דאָס לעבן פון די אינדיאַנער איז געווען אַזוי שרעקלאַך, אַז פיל פון זיי פלעגן ניט אויסהאַלטן און אליין זיך נעמען דאָס לעבן. ביי איין מערדערישן אָפיציר האָבן זיך אַמאָל אויפגעהאַנגען 200 מאַן.

אַזוי האָט געדויערט די לאַנגע פיל יאָרן. אין אַ לאַנגער צייט אַרום האָט זיך געפונען איינער אַ בּיסקופּ, מיטן נאָמען לאַס קאַזאַס, וואָס האָט רחמנות געקראָגן אויף די אינדיאַנער און האָט זיך איינגעשטעלט פאַר זיי. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך, אין וועלכן ער האָט באַשריבן זייערע שרעקלאַכע ליידן.

ער איז אויך געקומען פון אַמעריקע קיין שפּאַניע און געבעטן דעם קייסער פאַרלייכטערן די לאַגע פון די אומגליקלאַכע. לאַס קאַזאַס האָט ביים קייסער קיין גוטס ניט געפועלט. מיט זיין באַזוך האָט ער נאָך פאַרקערט גורם געווען אַ סך צרות פאַר אַנדערע. אָנשטאָט די שוואַכע אינדיאַנער האָט לאַס קאַזאַס פאָרגעלייגט דעם קייסער צו באַנוצן זיך מיט די שטאַרקערע און געזינטערע נעגערס. יעדער שפּאַניער האָט לויט זיין עצה געדאַרפט קריגן די ערלויבעניש אריינצופירן קיין אַמעריקע עטלאַכע שוואַרצע קנעכט.

די עצה וועגן די שוואַרצע איז דעם קייסער געפעלן געוואָרן און ער האָט איבערגעגעבן זיינעם אַ פריינד דאָס רעכט אריינצופירן שוואַרצע קיין אַמעריקע. דעם קייסערס פריינד האָט פאַרקויפט זיין רעכט עטלאַכע איטאַליענישע סוחרים. די סוחרים האָבן זיך

געקומען צו דער זאַך מיט גרויס פלייס און אַוועקגעשטעלט דעם האַנדל זייער ברייט. די צושטעלער פון דער „סחורה" זיינען געווען די פּאָרטוגיזן, וואָס האָבן געוואוינט אין צפון-אפריקע.

פון יענער צייט הייבט זיך אָן אַ שרעקלאַכער שענדלאַכער האַנדל מיט מענטשן צווישן אַפריקע און אַמעריקע.

לאס קאַזאַס האָט זיך שפּעטער אַרומגעזען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים. ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט. ער האָט שוין גאָרניט געקאָנט העלפן. דער האַנדל מיט די שוואַרצע האָט זיך פאַרברייטערט. הונדערטער טויזנטער פלעגט מען פאַנגען און אַוועקפירן ווייט ווייט פון דער היים, פאַר טויזנטער מיילן.

קוקנדיק אויף די שפּאַניער האָבן זיך אַנדערע אייראָפּעער אויך גענומען צום דאָזיקן האַנדל. ס'איז געוואָרן אַ גוטע פּרנסה און די צאָל פון די הענדלער איז אַלץ געוואַקסן. דערהויפּט האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיטן קנעכטהאַנדל די ענגלענדער.

ביסלאַכווייז האָבן זיי אַרויסגעשטויסן אַלע איבעריקע סוחרים און דער גאַנצער האַנדל איז אַריבער צו זיי.

אין יענער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן אין צפון און אין דרום אַמעריקע פיל קאָלאָניעס. די קאָלאָניסטן האָבן דאָרט געגרינדעט אַ סך פּלאַנטאַציעס פון רייז, טאַבאַק און בוימוואָל.

אויף די פּלאַנטאַציעס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך אַרבעטער. די ביליגסטע אַרבעטס-קראַפט זיינען געווען די נעגערס, ווייל זיי פלעגן פאַרבלייבן שקלאַפן אויפן גאַנצן לעבן.

וואָס ווייטער האָבן זיך געפאָדערט אַלץ מער אַרבעטער און דער האַנדל מיט די שוואַרצע האָט זיך אַנטוויקלט אַלץ גרעסער און גרעסער. הונדערטער שיפן האָבן געפירט איבערן אָקעאַן פון אַפריקע קיין אַמעריקע צענדליקער טויזנטער קנעכט. אין משך פון די ערשטע 100 יאָר האָט מען קיין אַמעריקע געבראַכט איבער 2 מיליאָן נעגערס. מיטן פאַנגען די נעגערס פלעגן זיך פאַרנעמען ספּעציעלע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען. אָפטמאָל פלעגן די אָנפירער פון די שוואַרצע אַליין פאַרקויפן זייערע אונטערטעניקע

אינמיטן נאַכט פלעגן זיי אונטערצינדן אַ דאָרף, בינדן די צעטומלטע איינוואוינער, אַוועקשלעפּן זיי צו די ווייסע און פאַרקויפן זיי פאַר קליניקייטן — פאַטשערקעס, ביקסן, פאַרשיידנפאַרביקע שטאָפן א. א.

די שרעקלאַכע לאַגע פון די שוואַרצע קנעכט.

די לאַגע פון די געפאַנגענע איז געווען אַ שרעקלאַכע. דער באַלעבאָס פלעגט זיי צונויפבינדן מיט אַ קייט און אַוועקטרייבן אויף אַ שיף. אויף דער שיף פלעגט מען זיי צונויפשמידן מיט קייטן צו צוויי אָדער צו דריי צוזאַמען. צונויפגעשמידטע פלעגט מען זיי דאַן אַריינוואַרפן גאָר אונטן אין די קעלערן פון דער שיף. דאָרט פלעגן זיי ליידן שרעקלאַכע יסורים. די לופט איז געווען אַ פאַרשטיקטע, באַוועגן זיך האָבן זיי ניט געקאָנט און חוץ דעם פלעגט מען זיי נאָך קיין עסן ניט געבן, נאָר צוויי מאָל אין טאָג צו הויפן באָב און צו ביסל וואַסער. איבער די אונטערשטע רייען פון די שוואַרצע פלעגן ליגן די אויבערשטע רייען, אויך צונויפגעפרעסט ווי הינער אין אַ שטייג. און אַזוי פלעגט

מען אָנפּאַקן אַ גאַנצע שיף. אָפּטמאָל פלעגט אויסקומען די שקלאַפן צו ליגן אָן באַוועגונג אין משך פון אַ גאַנצער וואָך אויף איין זייט. אַז ס'פלעגט זיך אויפהויבן אַ שטורימווינט און די שיף פלעגט זיך נעמען וואַרפן אין אַלע זייטן, פלעגן אַ סך פון די צונויפגעפּרעסטע שקלאַפן דערשטיקט ווערן. ביי אַ גוטן וועטער פלעגט מען אַרויפטרייבן די שוואַרצע אויפן פּאַלוב און צווינגען זיי טאַנצן איבער דער פּאַדלאָגע, כּדי פון די באַוועגונגען זאָלן אָפּגיין די פאַרגליווערטע גלידער זייערע. דערביי פלעגט מען זיי פון די קייטן ניט באַפרייען. ווי נאָר אַ שוואַרצער פלעגט זיך אָפּרוען, פלעגט ער גלייך באַקומען מיטן בייטש.

אין אַזאַ לאַגע, ביי אַזוינע ליידן, פלעגט אויסקומען די שוואַרצע צו שווימען איבערן ים גאַנצע צוויי-דריי חדשים.

אַ גרויסער טייל פון זיי פלעגט אויסשטאַרבן אין וועג און מ'פלעגט זיי אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין. עס פלעגן אָפּט פּאַסירן אויך אַזוינע פאַלן, ווען דער באַלעבאָס פלעגט אַריינוואַרפן אין וואַסער די נעגערס לעבעדיקערהייט. דאָס פלעגט פּאַרקומען דאַן, ווען דער באַלעבאָס פלעגט מערקן, אַז איינער אָדער אַ גאַנצע גרופּע זייגען שוואַך און וועלן ניט דערציען ביזן ברעג. ניט איין מאָל האָט אויך פּאַסירט, אַז אין מיטן וועג איז אויסגעגאַנגען דאָס עסנוואַרג. דאַן האָט מען אַלעמען אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין ים אַריין.

אין זיין ליד „דאָס שקלאַפנשיף" שילדערט אונז אַזוי דער באַרימטער דייטשישער פּאָעט העינריך היינע די לאַגע פון די אָרימע שקלאַפן אויף דער שיף:

„אליין אין קאַיוטע זיצט מינהער וואַן-קעק.
ער האָט זיך גענומען באַזינגען,
וואָס סחורה ער פירט דאָ מיט זיך אויף דער שיף,
און וויפיל ער האָט צו פאַרדינען:

„דער גומי איז גוט און דער פעפער איז גוט
אין דרייהונדערט קאַסטנס און פעסער,
אויך העלפאַנט-ביין האָב איך און גילדערנעם שטויב,
דער שוואַרצער אַרטיקל — נאָך בעסער!

„אַכטהונדערט מורינעס האָב איך אין אַ בייט
אין אַפריקע, בעת מיינע רייזן,
געכאַפּט אַ מציאה. די סחורה — אַנטיק,
געזונט. ווי געגאָסן פון אײַזן.

„נאָר גלעזערנע פּערל און בראַנפן און שטאָל
האָב איך פאַר די נעגער געגעבן.
איך וועל דאָ פאַרדינען אַכטהונדערט פּראָצענט,
ווען ס'בלייבט נאָר אַ העלפט פון זיי לעבן.

„און בלייבן ביי מיר נאָר דריי־הונדערט פון זיי
ביזן קומען קיין ריאָ־זשאַנייראָ, —
באַצאָלט ער מיר הונדערט דוקאַטן אַ שטיק,
דער סוחר גאָנזאַלעס פּערייראָ".

נאָר פּלוצלונג איז מינהער געוואָרן צעשטערט
אין זיינע געדאַנקען די זיסע:
דער דאָקטאָר פון שיף האָט געעפנט די טיר.
— „נו, ווי, ליבער דאָקטאָר? הייבט אָן צו אים קעק:
„וואָס מאַכן די טייערע נעגער?"

— „אַ דאַנק פאַר דעם נאָכפרעגן, ענטפערט ער אים:
איך בין אייך צו מעלדן געקומען,
אַז היינט מיטאַמאָל האָבן נעגער אַ סך,
אַ פּגירה ביינאַכט איינגענומען.

„עס פלעגן נאָר שטאַרבן צו פיר אַלע טאָג,
היינט זיינען געשטאָרבן שוין זיבן, —
פיר מאַנסביל, דריי ווייבער. דעם היזק האָב איך,
פאַרשטייט זיך, אין רייסטער פאַרשריבן.

„און איך האָב די מתים אַרומגעטאַפּט גוט,
איך ווייס, אַז די שוואַרצע גנבים
פאַרשטעלן זיך, מע זאָל זיי וואַרפן אין ים, —
זיי ווילן ניט לעבן, די כלבים.

„די אײַזנס האָב איך פון זיי באַלד אויסגעטאָן —
איך בין שוין געניט אין דערינגען —
מע האָט שוין די פגרים געוואָרפן אין ים,
אויף מאָרגן נאָך אָקאָרשט באַגינען.

„און באַלד פון דעם ים זײַנען גלײַך צו דער שיף
ים־חיות געשווינד צוגעשווומען —
דאָס נעגער־פלייש האָבן זיי מוראדיק האָלט,
אויף קעסט האָבן מיר זיי גענומען:

„ווי נאָר אונזער שיף האָט פאַרלאָזן דעם ברעג,
איז — שווימען זיי נאָך נאָך אונז שטענדיק.
אַפּנים זיי הערן דעם מתים־געריח,
זיי וואָלטן אַלץ אײַנשלינגען, קענטיק.

„עס איז אַ קאָמעדיע צו זען ווי אַזוי
זיי יאָגן זיך נאָך נאָך די פגרים,
ווי דער כאַפּט דעם קעפּל, און דער צופּט דעם פוס:
מע רײַסט און מע שלעפּט די אבֿרים".

וואַן־קעק אָבער פאַלט אים אַרײַן אין די רייד:
— אַן עצה געפינט זשע מיר, זאָגט ער
און זיפצעט: — ווי מאַכט מען, אַז זיי
זאָלן ווייניקער שטאַרבן, הער דאָקטער?"

— „אַ מאַסע פון זיי זײַנען שולדיק אַליין
אין דעם, וואָס זיי זײַנען געשטאָרבן,
ערקלערט אים דער דאָקטאָר: זיי האָבן די לופט
מיט זייערע אָטעמס פאַרדאָרבן.

„און פון מעלאַנכאָליע פאַלן אַ סך,
ווייל אומעטיק איז זיי, ווי קינדער:
מיט פרישערע לופט, מיט מוזיק און מיט טענץ
איז — קאָן מען זיי מאַכן געזינטער:

— „אַ טייערע עצה;—זאָגט מינהער וואַן־קעק:
איר האָט גאָר אַ גילדערנעם מוח;
היפּש־קלוג איז געווען אַריסטאָטעלעס,
איר זענט נאָך אַ גרעסרער פּיקח.

„העי מוזיקע! טרייבט די מורינעס אַרויף,
און לאָז מען זיי שפּילן און זינגען,
און טאָמער איז שפּילן פאַר זיי ניט גענוג,
איז—זאָל זיי די בייטש לערנען שפּרינגען!"



עס קוקן פון בלאָלאַכן הימלס־געצעלט
פיל שטערנדלאַך קלוגע און ריינע.
זיי גלוסטן און בענקען—נאָך וועמען? ווער ווייסט?
ווי אויגן פון פרויען, פון שיינע.

עס קוקן פון הימל אַריין אין דעם ים
די ליכטיקע בענקענדע אויגן.
עס זיפצן די כוואַליעס, און עס איז דער ים
מיט פּורפּורנעם טוי ווייט פאַרצויגן.

די לייוונטס פון אָקרענט זיי צאַפּלען זיך גיט,
מע האָט זיי צוזאַמענגעבונדן.
אַ שמחה אַ גרויסע איז היינט אויף דעם שיף,
לאַמטערנעס אַ סך אָנגעצונדן.

דער רודערמאַן שפּילט אויף אַ פידל; עס איז
דער סאַרווער געוואָרן אַ פּלייטער;
דער משרת, ער פּויקט מיט התמדה אין פּויק;
דער דאָקטאָר, ער בלאָזט אין טרומייטער.

סיי מאַנסביל, סיי ווייבער—ביי הונדערט פאַרשווינען—
זיי דרייען זיך, קוועלן און שפּרינגען
משוגענערווייז; און ביי איטלאַכן שפּרונג
די קייטן, די שווערע, זיי קלינגען.

דער תּלין איז דאָ דער בעל־שמחה. ער זעט,
דער עולם זאָל שטענדיק זיין מונטער.
און ווער עס פאַרגעסט זיך נאָר פריילאַך צו זיין,
דאָס בייטשעלע טרייבט אים שוין אונטער.

הלולה וחינגא! עס קערט זיך די וועלט!
עס זיינען צום שיף צוגעשוואומען
די בריאות פון ים, פון דעם טיף־טיפסטן גרונד,
זיי זייגען צום ליאַרים געקומען.

מע האָט זייער חברה פון שלאָף אויפגעוועקט.
די וואַסער־וועלף—עטלאַכע הונדערט—
זיי גלאָצן די אויגן אַרויף אויף דאָס שיף
און זייגען נתפּעל, פאַרוואונדערט.

זיי זעען עס איז גאָר נאָך גאַנץ ווייט צו טאָג,
ניטאָ נאָך די צייט, וואָס זיי פלעגן
באַקומען צו פרעסן; זיי געניצן שטאַרק,—
עס זעען זיך ציינער, ווי זעגן.

הלולה וחינגא! עס קערט זיך די וועלט!
די שמחה, זי וויל גאָר ניט עקן.
די וואַסער=וועלף האָבן שוין ניט קיין געדולד
און בייסן די אייגענע עקן.

הלולא וחינגא! עס קערט זיך די וועלט!
עס טאַנצן און שפּרינגען די שוואַרצע...
און לעבן אַ זעגל=בוים שטעלט זיך וואַן=קעק,
בעט גאָט מיט אַ ביטערן האַרצן:

„רבונו של עולם! פאַרהיט, אָ! פאַרהיט
דאָס לעבן פון די שוואַרצע זינדער,
און האָבן זיי אפשר געזינדיגט פאַר דיר,
פאַרגיב זיי, זיי זייגען דאָך רינדער...

„די נפשות פאַרהיט צוליב קריסטוס, דיין זון,
וואָס איז אויך פאַר זיי דאָך געשטאָרבן,
וויל, בלייבט ניט, חלילה, קיין דרייהונדערט, איז
מיין גאַנצעס געשעפט מיר פאַרדאָרבן”...*)

אין די אַמעריקאַנער האַפנס פלעגט מען די „שוואַרצע סחורה” אויסלאָדן און אַוועקטרייבן אויף די מערק. דאָרט פלעגן די קונים באַטראַכטן די קנעכט פון קאָפּ ביז די פיס, אַרומטאַפּן אברים, די אָקוראַט ווי מע טוט דאָס ביים קויפן אַ בהמה. כדי צו ווייזן די פלינקייט, דאָס געזונט פון קנעכט, פלעגט דער באַלעבאָס צווינגען די קנעכט אַרומגיין, אַרומלויפן, אויפהויבן משׂאות פאַר דעם קונה אין די אויגן. אַז די „סחורה” פלעגט געפעלן ווערן, פלעגט מען זיך נעמען דינגען. פון מאַרק פלעגט דער נייער באַלעבאָס אַוועקטרייבן די שקלאַפן צו זיך אויף דער פּלאַנטאַציע.

*) דאָס ליד „אויף דער שקלאַפנשיף” איז איבערגעזעצט אין יידיש פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

אין יענער צייט זיינען נאָך די שטאַטן אין אַמעריקע ניט געווען פאַרייניקט. יעדער שטאַט איז זיך געווען אַ באַזונדערע מלוכה פאַר זיך מיט זיינע באַזונדערע דינים און מנהגים.

די צפונדיקע שטאַטן פלעגן זיך באַנוצן אין גרעסטן טייל מיט געדונגענע אַרבעטער.

די קנעכטשאַפט איז באַזונדערס געווען פאַרשפרייט אין די דרומדיקע שטאַטן. די נעגערס פלעגן זיך לייכט צופאַסן צום פייכטן וואַרימען קלימאַט פון די דרומדיקע שטאַטן און אויף זיי פלעגט ניט ווירקן די קדחת-קרענק, וואָס דאָרט איז פאַרשפרייט. די פריצים פון די פלאַנטאַציעס האָט דעריבער געלוינט צו האַלטן ביי זיך אַ שוואַרצע קנעכט.

ווי אַזוי עס האָט געלעבט דער שוואַרצער קנעכט, איז ביי היינטיקן טאָג שווער אפילו זיך פאָרצושטעלן.

געשלאָפן איז דער קנעכט אויף דרערד, אין אַ פאַרמאַכטן שטאַל, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס ווי אַ תפיסה. אין שטאַל איז געווען שרעקלאַך ענג און שמוציק. דער-וואַקסענע און קינדער—אַלע אָנגעוואָרפן צוזאַמען. אַרבעטן האָט דער קנעכט געמוזט 14—15 שעה אין מעת-לעת. אַ שפּראָך אויף טאָג פלעגט שוין דער אויפזעער נעמען שמייסן מיטן בייטש. אַלע פלעגן זיך תיכף אויפכאַפּן, אויסשטעלן זיך ווי זעלנער און גיין אין פעלד. אין פעלד פלעגט מען פאַרברענגען ביז שפּעט ביינאַכט. קיין פרייע צייט האָבן די קנעכט גאָר ניט געהאַט. דאָס עסן פלעגט מען זיי אויך ברענגען אין פעלד. אַהין פלעגט מען אויך ברענגען די וויג-קינדער צו זייערע מאַמעס. די מאַמע פלעגט אויף גיך דאַרפן אָנזויגן דעם קינד און תיכף נעמען זיך ווידער צו דער אַרבעט.

אויף דער אַרבעט פלעגן אַכטונג געבן ספּעציעלע אויפזעער.

ווי נאָר דער קנעכט פלעגט זיך אָפּשטעלן אפילו נאָר אויף אַ מינוט, פלעגט דער אויפזעער אים גלייך נעמען שלאָגן מיט אַ קאַנטשיק. געשלאָגן האָט מען אָן רחמנות, אָפּטמאָל אַזוי אכזריות-דיק, אַז מע פלעגט אויסרייסן ביי די קנעכט שטיקער פלייש. אַזוי פלעגט אַריבער דאָס גאַנצע לעבן פון דעם קנעכט און נאָר דער

טויט פלעגט אים באַפרייען פון די שרעקלאַכע ליידן. דער קנעכט האָט ביי קיינעם קיין פּאַרטיידיקונג ניט געפונען. פאַר דער קלענ־כער באַליידיקונג פון באַלעבאָס אָדער פון זיינע משרשים האָט געקומט טויטשטראָף. דער באַלעבאָס האָט געהאַט רעכט צו שלאָגן און אפילו צו קאַלעטשען זיין קנעכט. די קינדער פון די קנעכט האָבן אויך געהערט צום באַלעבאָס.

די ליידן פון די אומגליקלאַכע נעגערס זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז אָפטמאָל פלעגן זיי ניט אויסהאַלטן און אַנטלויפן פון זייערע מערדער. די באַלעבאַטים פלעגן אַרויסשיקן נאָך די אַנט־לאָפענע ספּעציעלע כאַפּערס. ווען מ׳פלעגט כאַפּן אַן אַנטלאָפענעם, פלעגט מען אים שרעקלאַך פּייניקן: אָראָפּשניידן די אויערן, שטעמפּלען מיט הייסן אַייזן די לייב א. ד. ג.

פאַרן צווייטן מאָל אַנטלויפן פלעגט מען ביים נעגער אונ־טערהאַקן די פיס: צום דריטן מאָל פלעגט מען אים הרגענען. דערביי פלעגן אויך באַשטראָפט ווערן די איבעריקע, וואָס האָבן ניט דער־ציילט פון דער פּליטה.

דער קנעכט האָט קיינזאַך ניט פאַרמאָגט קיין אייגנס. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט געהערט צום באַלעבאָס. די קנעכט פלעגן חתונה האָבן, די פאַמיליע פון דעם קנעכט איז אָבער אויך ניט געווען זיינע. דער באַלעבאָס האָט אין יעדער צייט געקאָנט אָפּנעמען ביי אים די פרוי מיט די קינדער. אָפטמאָל פלעגט מען דעם מאַן פאַרקויפן אין איין אָרט, די פרוי אין אַ צווייטן און די קינדער — אין אַ דריטן, אָפּרייסן זיי אויף אייביק איינע פון די אַנדערע.

אָט אַזוי האָבן געלעבט די שוואַרצע שקלאַפן ביי די פּלאַנ־טאָרס פון די דרומדיקע שטאַטן.

בענזשאַמען, לענדי און ווילּיאַם האַריסאָן.

אַ לאַנגע צייט האָבן אַלע ווייסע מענטשן גלייכגילטיק געקוקט אויף דער שרעקלאַכער לאַגע פון די שוואַרצע. די אכזריות פון די פלאַנטאַטאָרן האָבן קיינעם ניט געקימערט. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז קנעכטשאַפט איז געזעצלאַך און קיינער טאָר קעגן דעם ניט אַרויסטרעטן. די רעגירונג האָט אויך פאַרטיידיקט די קנעכטשאַפט און פלעגט שטרענג באַשטראָפן די אַלע, וואָס פלעגן מיטהעלפן די נעגערס צו אַנטלויפן. פאַרן אַרויסזאָגן זיך קעגן קנעכטשאַפט פלעגט מען אַריינזעצן אין תפיסה.



די גלחים האָבן אויך געפריידיקט, אַז קנעכטשאַפט איז אַ גוטע זאַך. אַ סך פון זיי האָבן אַליין געהאַלטן קנעכט און פלעגן זיך באַגיין מיט זיי ניט בעסער ווי די איבעריקע פלאַנטאַטאָרס.

אין עטלאַכע צפונדיקע שטאַטן איז די קנעכטשאַפט געווען פאַרווערט דורכן געזעץ. אין אייניקע שטאַטן האָט מען געשטרעבט קנעכטשאַפט צו פאַרווערן. די פריצים פון די „פרייע" שטאַטן האָבן אָבער ניט פרייגעלאָזן די קנעכט. דער גרעסטער טייל פלעגט פאַרקויפן די שוואַרצע אין די דרומדיקע שטאַטן, אַרויפוואַרפן אויף זיי אַ נייעם יאָך.

די דרומדיקע שטאַטן זיינען געווען זייער רייך, ז'י האָבן דעריבער געהאַט אַ גרויסע מאַכט.

מיט אַלע מיטלען האָבן זיי געזוכט אייַנצוהאַלטן די קנעכטשאַפט ווו נאָר ס'האָט זיך געלאָזן, אייַנפירן עס אין די אַלע נייע לענדער, וואָס זיי פלעגן אייַנגעמען.

מיט דער צייט האָבן זיך אָבער אין אַמעריקע געפונען מענטשן, וואָס האָבן ניט געקאָנט צוזען די שרעקלאַכע ליידן פון די שוואַרצע קנעכט. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ לאַגע קען ווייטער ניט דויערן — מ׳קען ניט אָפּנעמען בײַ די נעגערס דאָס מענטשנרעכט און די מענטשנווירדע.

לכתחילה איז די צאָל פּאַרטיידיקער פון די שוואַרצע געווען זייער קליין. נאָר גענוג, אַז אייניקע האָבן שוין גענומען טראַכטן און ריידן וועגן דער שלעכטס. ביסלאַכווייז האָט דאָס געוויסן אָנגעהויבן צו ריידן אויך בײַ אַנדערע. די ווירקונג האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן און וואָס ווייטער האָט די צאָל פון די קעגנער פון דער קנעכטשאַפט גענומען וואַקסן און וואַקסן.

דער ערשטער, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצן לעבן דעם קאַמף מיט דער קנעכטשאַפט, איז געווען אַן אָרימער אַרבעטער, אַ רימער, בענזשאַמען לענדי. לענדי האָט געשטאַמט פון די צפונדיקע שטאַטן. זוכנדיק אַרבעט האָט ער אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואַנדערט איבער פאַרשיידענע שטאַטן. סוף־כל־סוף האָט ער זיך באַזעצט אין דעם דרומדיקן שטאַט ווירדזשיניע.

דורך דעם דאָרף, וואו לענדי האָט געוואוינט, פלעגט מען אָפט טרייבן די קנעכט. לענדי פלעגט ווערן זייער אויפגעבראַכט, ווען ס׳פלעגט אים אויסקומען צו זען ווי מע פּייניקט די שוואַרצע און ווי מע שפּאָט פון זיי.

— ווי קענען דאָס מענטשן געוועלטיקן איבער מענטשן? — האָט ער זיך געטראַכט.

און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן דער אכזריות פון דער קנעכטשאַפט, פריער בײַ זיך אין דאָרף, נאַכער אין די אַרומיקע דערפער. וואָס ווייטער האָט ער זיך אַלץ מערער אַריינגעצויגן אין דעם קאַמף און ביסלאַכווייז אינגאַנצן זיך איבערגעגעבן דער הייליקער אַרבעט.

ער איז געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט און אומעטום געשילדערט די שרעקלאַכע לאַגע פון די שוואַרצע און שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער קנעכטשאַפט.

צו זיינע ווערטער האָבן זיך אָבער צוגעהערט ניט קיין סך

...ענטשן. כּדי דאָס וואָרט זיינס זאָל האָבן אַ גרעסערע ווירקונג, האָט לענדי באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג. ווי גיט מען אָבער אַרויס אַ צייטונג אָן מיטלען? לענדי האָט גענומען זאַמלען געלט. ער האָט פאַרקויפט זיין וואַרשטאַט, זיינע אַלע געצייג, די בגדים. ביסלעכווייז האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ דרוקעריי. און איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן — אַרויסגעבן די צייטונג. די צייטונג פלעגט ער אַליין זעצן, אַליין דרוקן און אַליין פונאַנדערטראָגן. קיין פּרנסה האָט די צייטונג לענדין ניט געגעבן. ער האָט פאַרקערט נאָך צוגעלייגט צו דער צייטונג אַ סך געלט און איז געבליבן כּמעט אָן מיטלען. די ווירקונג פון דער צייטונג האָט זיך אָבער באַלד גענומען אַרויסווייזן. די ערשטע האָבן באַמערקט די צייטונג די קנעכטהענדלער. זיי האָבן גלייך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געפאַר דאָס בלעטל איז פאַר זיי. זיי זיינען געוואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט און האָבן גענומען סטראַשען לענדין. לענדי האָט זיך ניט דערשראָקן און פאָרגעזעצט זיין קאַמף. אַזוי זיינען אַריבער שייבע עטלעכע יאָר. לענדי האָט אפילו קיין מיטלען ניט געהאַט, אָבער דאָך פלעגט ער אָנשטרענגען אַלע זיינע כּוחות און די צייטונג אַרויסגעבן. איין זאַך האָט פאַרשאַפט לענדין גרויס עגמת נפש — דאָס, וואָס ער איז אַליין און האָט ניט קיין מיטהעלפער. לענדי האָט שוין פון לאַנג געזוכט אַ מיטאַרבעטער. ער האָט אים אָבער אַלץ ניט געקאָנט געפינען. צום סוף האָט זיך דער פּאַסיקער מיטאַרבעטער אויך געפונען. דאָס איז געווען איינער אַ יונגערמאַן וויליאַם לאָיד האַריסאָן. האַריסאָן איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט און האָט גענומען פירן דעם קאַמף נאָך מיט מער ענערגיע ווי לענדי. מיט זיינע דרייסטע ווערטער האָט האַריסאָן אַרויסגערופן אַ גרויסע באַוועגונג קעגן דער קנעכטשאַפט אין גאַנץ אַמעריקע. און אונטער דעם דרוק פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז די קנעכטשאַפט נאָך אַ ביטערן קאַמף סוף־כּל־סוף געפאַלן.

האַריסאָן איז געווען אַן אָרימער אַרבעטער, אַ זעצער. ער האָט געשטאַמט פון אַן אָרימער פאַמיליע, האָט פאַרבראַכט די קינדעריאָרן אין שווערער אַרבעט. פריער האָט ער זיך געלערנט פאַר אַ שוסטער, נאָכער פאַר אַ טאָקער און שפּעטער איז ער

געוואָרן אַ זעצער. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער געקראָגן גרויס חשק צו לייענען ביכער. ער האָט אַ סך געאַרבעט פאַר זיין זעלבסטבילדונג און איז אין אַ קורצער צייט זייער פיל דערגאַנגען. דערהויפּט האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדענונג פון זיין פאָטערלאַנד. ער האָט געפונען, אַז אין דער אָרדענונג זיינען פאַראַן אַ סך פעלערן און די אַלע פעלערן מוזן באַזייטיקט ווערן. פריער פאַר אַלץ האָט האַריסאָן אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן דער אומאָרדענונג אין דער שטאָט=פאַרוואַלטונג פון ניו=בעריפּאָרט, ווו ער האָט געוואוינט. ער האָט וועגן דעם אָנגעשריבן עטלאַכע שאַרפע אַרטיקלען אין די צייטונגען. שפּעטער האָט ער גענומען שרייבן ניט נאָר וועגן שטאָט=זאַכן, נאָר בכלל וועגן די נויטיקע פאַרבעסערונגען אין פאָלקסלעבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג און דאָרט גענומען פירן אַ קאַמף מיט די אַלע אומרעכטן אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

דער פרייער גייסט, די דרייסטע און הייס=אָנגעשריבענע אַרטיקלען האָבן צוגעצויגן צו זיין צייטונג די אויפמערקזאַמקייט פון אַ סך לעזער. די צייטונג האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אין דער שטאָט ניו=בעריפּאָרט און אין דער אומגעגנט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די „פּני" פון דער שטאָט זיינען האַריסאָנס דרייסטע רייד זייער ניט געפעלן געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן אים. האַריסאָן האָט זיך ניט דערשראָקן און ווייטער פאָרגעזעצט זיין אַרבעט. דאַן האָבן די קעגנער זיינע גענומען אָנרייצן אויף אים די שטאָטישע באַפעלקערונג, פאַרשפּרייטן וועגן אים העצעס און רכילות. דער ברייטער עולם האָט אויפגעהערט די צייטונג אויסצושרייבן און האַריסאָן איז געצוווּנגען געווען די צייטונג אָפּצושטעלן.

מיט אַ ווייטאָק אין האַרצן האָט האַריסאָן פאַרלאָזן דאָס שטעטל ניו=בעריפּאָרט און איז אַריבערגעפאָרן קיין באָסטאָן. דאָרט האָט מען אים איינגעלאַדן צו פאַרוואַלטן מיט דער צייטונג „נאַציאָנאַלער פילאַנטראָפּ". דידאָזיקע צייטונג האָט געקעמפט קעגן שכרות. האַריסאָן איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין האַרבן וואָרט

ניט נאָר קעגן שכּרות, נאָר אויך וועגן אַ סך נויטיקע ענדערונגען אין פאָלקסלעבן. אין יענער צייט האָבן זיך אַלץ אָפטער גענומען ווייזן נאָטיצן וועגן אכזריות פון די קנעכטהענדלער וועגן דער שרעקלאַכער לאַגע פון די שוואַרצע. האַריסאָן האָט גענומען נאָך מיט מער מוט קעמפן קעגן דער בייז פון קנעכטשאַפט.

גראָד איז דאַן פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אַ געזעץ, אַז אין די שטאַטן פון די קנעכטהענדלער פאַרווערט מען די שוואַרצע קינדער זיך צו לערנען. האַריסאָן איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעמ־דאָזיקן געזעץ. מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אין זיינע אַרטיקלען אויף די טיראַנען. די קנעכט־הענדלער. די לעזער פון דער צייטונג זיינען צעציטערט געוואָרן פון זיינע אַרטיקלען. אַ טייל לעזער האָט אים מיטגעפילט, אַ טייל אָבער איז אָנגעפאַלן אויף אים.

דער אַרויסגעבער פון דער צייטונג איז געווען ניט צופרידן מיט האַריסאָנס אַרטיקלען און האָט אים פאַרווערט צו שרייבן וועגן קנעכטשאַפט. אויף אַ קורצער צייט איז ער אַנטשוויגן געוואָרן.

אין יענער צייט איז קיין באָסטאָן געקומען דער אַלטער לענדי און האָט דאָרט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן קעגן קנעכטשאַפט.

ער האָט געלייענט האַריסאָנס אַרטיקלען און איז געוואָרן מלא שמחה.

סוף־כּל־סוף האָט זיך געפונען אַ חבר, וואָס וועט אים מיט־העלפן פירן דעם קאַמף מיט דער קנעכטשאַפט.

אינגיכן האָבן זיך ביידע פרייהייטס־קעמפער באַגעגנט און זיי האָבן באַשלאָסן צו פירן דעם קאַמף געמיינזאַם.

האַריסאָן איז אַריבערגעפאָרן קיין באַלטימאָר און האָט גע־נומען אַרבעטן און לענדיס צייטונג „דער באַפרייטער גייסט.”

ביז איצט האָבן אין דער דאָזיקער צייטונג שטיל געקלונגען די האַרציקע ווערטער פון לענדי, איצט האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט דער מעכטיקער קול פון האַריסאָנען. האַריסאָן האָט גענומען שטו־רימען די אַלע טיראַנען, הייס פאַרטיידיקט דאָס רעכט פון די שוואַרצע ברידער.

די קנעכטהענדלער האָבן גלייך דערפילט די געפאַר און

אָנגעהויבן מיט אַלע כּוחות צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו דערשטיקן די צייטונג. זייער מי איז אָבער געווען אומזיסט.

דער רוף צום קאַמף איז געוואָרן אַלץ מוטיקער, די צאָל קעגנער פון דער קנעכטשאַפט — אַלץ גרעסער. אונטער דער ווירקונג פון האַריסאָנס אַרטיקלען האָט זיך אין אַמעריקע אָנגעהויבן אַ געזעלשאַפטלאַכע באַוועגונג קעגן קנעכטשאַפט. די קנעכטהענדלער האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען קעגן די פרייהייטס־קעמפער, געשטראָפט, געמסרט, געזעצט אין די תּפיסות. זיי האָבן אָבער גאָרנישט ניט געקאָנט מאַכן. די באַוועגונג איז געוואַקסן. אין ברען פון קאַמף האָט האַריסאָן פאַרעפנטלאַכט אַ געשיכטע וועגן איינעם אַ סוחר פון די צפונדיקע פרייע שטאַטן, וואָס האָט פאַרקויפט שוואַרצע קנעכט די דרומדיקע סוחרים.

דער סוחר האָט באַשולדיקט האַריסאָנען אין רכילות. מ׳האָט האַריסאָנען אַרייַנגעזעצט אין תּפיסה און אַרויסגעלייגט אויף אים אַ גרויסע געלט־שטראָף. איינע אַ לעזער האָט זיך אָנגענומען פאַר האַריסאָנען און האָט אים באַפרייט פון דער שטראָף.

די תּפיסה האָט אויך ניט געקאָנט אָפּשטעלן האַריסאָנען און זיין קאַמף. פאַרקערט, וואָס מער מ׳האָט אים גערודפט, אַלץ פאַרעקשנטער און פאַרהאַרטעוועטער איז ער געוואָרן.

גלייך נאָך דער באַפרייונג האָט האַריסאָן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג. אַרבעטן צוזאַמען מיט לענדין האָט ער שוין ווייטער ניט געקאָנט, ווייל לענדי האָט גערעדט נאָר וועגן פאַרלייכטערן די לאַגע פון די קנעכט. ער, האַריסאָן, האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון אַ פולקומער באַלדיקער באַפרייונג. יעדערער פון זיי איז דעריבער אַוועק מיט זיין וועג.

האַריסאָן האָט ניט געהאַט קיין מיטלען און דעריבער איז אים אָנגעקומען זייער שווער, איידער ס׳האָט זיך אים אייַנגעגעבן אַוועקצושטעלן אַ צייטונג. ניט געקוקט אָבער אויף אַלע מניעות, האָט ער דאָך זיינס דערגרייכט.

און ס׳איז אַ וואונדער געשען! די צייטונג, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אָן מיטלען, „דער באַפרייער", האָט עקזיסטירט גאַנצע 35 יאָר.

האַריסאָן איז געווען אַ מענטש, מיט אַ ענערגישן כאַראַקטער אין קיינע שווערקייטן, קיינע מניעות און רדיפות האָבן אים ניט געקאָנט אָפּהאַלטן אין זיין קאַמף.

אין אַ קליין שטיבעלע, אונטערן סאַמע דאַך, האָט ער איינגעאָרדנט זיין רעדאַקציע און אַזוי ווי לענדי, אַליין געזעצט און אַליין געדרוקט די צייטונג.

דאָ אין דעם שטיבעלע איז אויך געווען זיין וואוינונג.

ניט איין מאָל איז דעם רעדאַקטאָר אויסגעקומען צו הונגערן און צו ליידן קעלט. זיין גייסט אָבער איז אַלץ געבליבן מוטיק און שטאַרק. ווי די פייערדיקע פונקען פון אונטער דעם שמידס האַמער, פלעגן פון אונטער זיינע הענט אַרויספליען די נומערן פון „באַפרייער" און די דאָזיקע פונקען פלעגן אָנצינדן אין טויזנטער הערצער אַ הייליקע שנאה צו די אונטערדריקער און אַ הייסן מיטגעפיל צו די באַליידיקטע און אונטערדריקטע.

די פייערדיקע רייד פון דעם „באַפרייער" פלעגן אַריינדרינגען ווייט ווייט אין אַלע פרייע שטאַטן פון צפון אַמעריקע און פון דאָרט אויך קיין דרום. די קנעכטהענדלער האָבן אָנגעשטרענגט אַלע מיטלען כדי צו שטערן דער פאַרשפרייטונג פון „באַפרייער". דער פאַרבאַנד פון די קנעכטהענדלער האָט באַשטימט אַ גרויסע באַלוינונג פאַרן כאַפּן די פאַרשפרייטער. אייניקע שטעט האָבן באַשטימט צו 10 טויזנט דאָלאַר פאַר די, וואָס וועלן ברענגען האַריסאָנען אויפן משפט.

קיינזאַך האָט אָבער ניט געקאָנט בייקומען דעם „באַפרייער". דער דרייסטער זשורנאַל האָט מוטיק פאָרגעזעצט זיין אַרבעט — פונאַנדערגעטראָגן איבער אַמעריקע די דונערדיקע ווערטער פון פרייהייטסקעמפער, געוועקט די איינגעשלאָפענע, גערופן צום קאַמף די מוטיקע. איצט איז שוין האַריסאָן געווען ניט אַליין. זיינע אויפרופן האָבן געפונען אַ הייסן אָפּקלאַנג אין אַ סך שטעט און שטעטלאַך. די צאָל פון די פרייהייטס-קעמפער האָט זיך גוואַלדיק פאַרגרעסערט. ביי אַלע שינאים פון דער קנעכטשאַפט האָט זיך ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו מערקן אַ שטרעבונג צו פאַראייניקן די כוחות, שאַפן איין מעכטיקן פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד האָט גע=

דאַרפט דעם קאַמף מיט דער קנעכטשאַפט אָרגאַניזירן און פאַרשטאַרקן.

שטאַרקער ווי אומעטום האָט זיך געלאָזט פילן האַריסאָנס השפּעה אין דעם שטאַט מאַסאַטשוזעטס. דאָ האָבן זיך די קעגנער פון דער קנעכטשאַפט פריער ווי אומעטום אָרגאַניזירט אין אַ געזעלשאַפט און מוטיק געפירט דעם קאַמף מיט די קנעכט־הענדלער: אָפט געווענדעט זיך צו דער באַפעלקערונג מיט פאַר־שיידענע אויפרופן, צונויפגערופן פאַרזאַמלונגען, אַריינגעצויגן אין קאַמף אַלץ מערער און מערער מענטשן.

לויט דעם ביישפּיל פון מאַסאַטשוזעטס האָבן זיך אָנגעהויבן צו גרינדן אַזוינע געזעלשאַפטן אויך אין אַ סך אַנדערע שטעט.

אין משך פון די ערשטע 7 יאָר זיינען שוין געווען אין אַמעריקע איבער טויזנט געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו קעמפן מיט דער קנעכטשאַפט.

כדי די אַרבעט זאָל געפירט ווערן מיט מער ערפאָלג, האָט מען געמוזט פאַראייניקן די אַלע געזעלשאַפטן אין איין פאַרבאַנד, שאַפן אַ שטאַרקן כוח קעגן דעם מעכטיקן פיינד. האַריסאָן האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שאַפן דעם דאָזיקן פאַרבאַנד און האָט וועגן דעם געגומען רופן אין „באַפרייער".

אַלע קעגנער פון דער קנעכטשאַפט האָבן אָנערקענט די וויכטיקייט פון אַזאַ פאַרבאַנד און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אין פילאַדעלפיע פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די פרייהייטספריינד. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו גרינדן דעם אַלגעמיינעם אַמעריקאַנער פאַרבאַנד פון די קעגנער פון קנעכטשאַפט.

דער צוזאַמענפאָר האָט אָרגאַניזירט די וייטערדיקע אַרבעט. נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן זיך די אַלע קעמפער דערפילט מוטע־רער, ענערגישער און זיי האָבן פונאַנדערגעטראָגן אין אַלע זייטן פון דער מלוכה דאָס ליכט, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן ביי דעם געמיינזאַמען פייער פון ליבע צו דער מענטשהייט.

דער קאַמף האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט.

די קנעכטהענדלער האָבן געזען, אַז די ווירקונג פון האַרי־

סאָנען מיט זיינע פריינד וואַקסט. דער קאַמף איז דעריבער גע־וואָרן נאָך פאַרביטערטער.

די גרויסע סוחרים פון די פרייע צפונדיקע שטאַטן זיינען געוועזן פאַרבונדן געשעפטלאַך מיט די דרומדיקע קנעכטהענדלער. זיי האָבן זיך דעריבער געשטעלט אויפן צד פון די קנעכטהענדלער און גענומען ארויסטרעטן קעגן האַריסאָנען מיט זיינע פריינד. אין קאַמף מיט די באַפרייער האָבן די קנעכטהענדלער געהאַלטן אַלע מיטלען פאַר כּשר. זיי האָבן אָנגעהויבן צונויפצורופן פאַרזאַמ־לונגען באַשמוצן די פרייהייטס קעמפער, גערופן דאָס פאָלק נקמה צו נעמען פון זיי.

די גלחים האָבן אויך אויסגעפירט די שליחות פון די קנעכט־הענדלער און געפּריידיקט אַ קאַמף מיט די „בונטאָוושטשיקעס״.

אַ גרויסע באַלוינונג איז באַשטימט געוואָרן פאַרן כאַפּן האַרי־סאָנען מיט אייניקע פון זיינע חברים. די פינסטערע מאַסע האָט זיך געלאָזט פאַרפירן און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתער געיעג אויף די קעמפער. אַ סך פון זיי האָט מען טאַקע געכאַפּט, גע־הרגעט, געפּייניקט, געשלאָגן, פאַרשפּאַרט אין די תּפיסות.

דער פרייהייטס־פאַרבאַנד אַנטוויקלט אָבער וואָס ווייטער אַלץ גרעסער זיין טעטיקייט. די אַרטיקלען אין „באַפרייער״ ווערן נאָך פייערדיקער. די באַוועגונג וואַקסט זיך פונאַנדער. די נייע קעמפער קומען צו אין די טויזנטער.

אין אָקטאָבער פון יאָר 1885 האָט האַריסאָן באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן מ׳האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דאָס לעבן זיינס איז אין געפאַר. איינער פון די שטאַטן האָט באַשטימט 20 טויזנט דאָלאַר פאַר זיין קאָפּ.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכן באַקומען דעמדאָזיקן בריוו איז האַריסאָן טאַקע שיר ניט אומגעקומען פון אַן אַטענטאַט. אַ גליקלאַכער צופאַל האָט אים געראַטעוועט פון טויט. דער אַטענ־טאַט האָט אויך ניט אָפּגעשראָקן האַריסאָנען און נאָך מיט מער קראַפט האָט ער גענומען קעמפן פאַר דער הייליקער זאַך פון דער באַפרייונג.

ווילּיאם טשאַנינג און דער פּאָעט לאָנגפעללאָ.

אין יאָר 1835 איז אין אַמעריקע ערשינען אַ בוך „וועגן קנעכטשאַפט", וואָס האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן דער זאַך פון דער באַפרייונג פון די שווארצע. דער פּאַרפאַסער פון דעם בוך איז געווען אַ באַוואוסטער פריידֿקער טשאַנינג. טשאַנינג האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין די דרומדיקע שטאַטן. ער האָט צוגעזען די גאַנצע גרויל פון דער קנעכטשאַפט, די שרעקלאַכע ליידן פון די שווארצע און האָט באַשלאָסן צו קעמפן מיט דעם אויף ווי ווייט ער וועט נאָר קענען.

אין זיין בוך „וועגן קנעכטשאַפט" פאַרטיידיקט ער דעם געדאַנק, אַז דער נעגער איז אויך אַ מענטש מיט אַ פאַרשטאַנד און מיט אַ נשמה. מ'קען זיך דעריבער מיט אים ניט באַגיין ווי מיט אַ געגנשטאַנד. דער שווארצער האָט דיזעלבע מענטשנרעכט ווי דער ווייסער און קיינער טאָר זיי ביי אים ניט אָפּנעמען.



ווילּיאַם טשאַנינג



פּאָעט לאָנגפעללאָ

מיט אַ פייערדיקער ליבע צום מענטשן האָט טשאַנינג געשילדערט די ליידן פון די נעגערס. ער האָט דערוויזן ווי שלעכט

עס ווירקט די קנעכטשאַפֿט אויף די באַלעבאַטים גופא. און ער האָט פֿאָרגעלייגט אַ ריי מיטלען ווי אַזוי ביסלאַכווייז צו באַפֿרייען די שוואַרצע.

טשאַנינגס בוך האָט געהאַט אויף אַלעמען זייער אַ גרויסע ווירקונג. די ווירקונג האָט זיך פֿאַרשפּרייט אויך אויף אַנדערע שרייבער און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן אין זייערע ווערק צו פֿאַרטיידיקן די שוואַרצע.

ווען דער באַרימטער פּאָעט לאָנגפֿעללאָ האָט דורכגעלייענט טשאַנינגס בוך, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ שטאַרקע ליבע צו די אונטערדריקטע און אַ האַס צו די אונטערדריקער. דאַן האָט ער דאָס אָנגעשריבן זיינע באַרימטע לידער פֿון דער קנעכטשאַפֿט*).

לאָנגפֿעללאָס לידער האָבן זיך פֿאַרשפּרייט נאָך גיכער ווי טשאַנינגס בוך איבער גאַנץ אַמעריקע און אָנגעצונדן אין אַלע ערלאַכע הערצער אַ האַס צו דער קנעכטשאַפֿט.

די קנעכטהענדלער האָבן פֿאַרווערט צו פֿאַרשפּרייטן דאָס בוך און די לידער. ס׳האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן צו דערשטיקן די שטימע פֿון דער גערעכטיקייט.

די רעגירונג האָט געהאַלטן דעם צד פֿון די קנעכטהענדלער, און ס׳איז גאַנץ פֿאַרשטענדלאַך פֿאַרוואָס. צווישן די סענאַטאָרן און מיניסטאָרן האָבן זיך געפֿונען אַ סך אַזוינע, וואָס האָבן געהאַלטן קנעכט און געהאַנדלט מיט זיי.

וואָס ווייטער, האָט די רעגירונג גענומען אַלץ מערער שטערן דער אַרבעט פֿון דעם פֿרייהייטס פֿאַרבאַנד. סוף=כל=סוף האָט זי גאָר אָפּגעשאַפֿט די פֿרייהייט פֿון פֿאַרזאַמלונגען און פֿון דער פּרעסע. טשאַנינג מיט זיינע פֿריינד זיינען ענערגיש אַרויסגעטראָטן קעגן די אַלע גזרות און ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן ווידער דורכצופֿירן אַ געזעץ וועגן די דערמאָנטע פֿרייהייטן.

---

*) צום באַדויערן איז נאָך ביז איצט אין יידיש ניטאָ קיין איבערזעצונג פֿון די דאָזיקע לידער.

די דרומדיקע שטאַטן זיינען געווען זייער שטאַרק, אָבער ביסלאַכווייז האָבן זיך די צפונדיקע אויך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן. יעדן יאָר פלעגן אָנקומען אַהער פון איירָאָפּע טויזנטער עמיגראַנטן. די עמיגראַנטן פלעגן זיך באַזעצן דאָס רוב אין די צפונדיקע שטאַטן, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז די דרומדיקע פּריצים קוקן אויף די אַרבעטער מיט פאַראַכטונג. די דרומלייט האָבן געהאַט אומזיסטע שוואַרצע קנעכט און דעריבער פלעגט זיך ביי זיי דער ווייסער אַרבעטער ניט קענען איינאָרדנען.

אין די צפונדיקע שטאַטן פלעגן די עמיגראַנטן אָדער אָנקומען אויף די פאַבריקן, אָדער ווי עס איז איינאָרדנען וואַרשטאַטן פאַר זיך. פיל פון די עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט האָבן זיך אַוועקגעלאָזן ווייט אויף מערב, וואו ס'האָט זיך געפונען אַ סך ניט קיין באַזעצט לאַנד.

די אַלע עמיגראַנטן זיינען געווען קעגן דער קנעכטשאַפט. דאָרט ביי זיי אינדערהיים האָט מען שוין לאַנג פון דעם ניט געוווּסט.

קעגן דער קנעכטשאַפט זיינען אויך געווען די יונגע אַמעריקאַנער געלערנטע. אַ סך פון זיי זיינען געווען אין איירָאָפּע, האָבן זיך באַקאַנט מיט דעם, ווי אַזוי מע לעבט און מע דענקט דאָרט אויף יענעם זייט אָקעאַן. די איירָאָפּעאישע געלערנטע פלעגן איינפלאַנצן ביי זיי אַ האַס צו דער קנעכטשאַפט.

קומענדיק צוריק אַהיים פלעגן די יונגע אַמעריקאַנער געלערנטע ווערן די גרעסטע קעגנער פון קנעכטשאַפט.

אין די 30-סטע יאָרן פון XIX י"ה, האָט זיך נאָך די קנעכטשאַפט געהאַלטן אין די קאָלאָניעס פון אייניקע איירָאָפּעישע מלוכות: פראַנקרייך, ענגלאַנד א. אַ.

די קעגנער פון דער קנעכטשאַפט אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך האָבן גענומען פאָדערן די באַפרייונג פון די קנעכט.

נאָך אַ קאַמף פון עטלאַכע יאָר האָבן די פרייהייטספריינד אומעטום געזיגט און אין יאָר 1838 האָבן אַלע איירָאָפּעישע רעגירונגען אָפּגעשאַפט די קנעכטשאַפט אין אַלע זייערע קאָלאָניעס. די פריילאַכע ידיעה וועגן דער באַפרייונג פון די קנעכט

אין די קאָלאָניעס האָט פאַרשטאַרקט דעם מוט און די האָפענונג בײַ די פרײַהײַטסקעמפער אין די שטאַטן.

די באַוועגונג איז נאָך מערער אויסגעוואַקסן. די יוגנט, אפילו פון די דרומדיקע שטאַטן, איז אינגאַנצן געווען קעגן דער קנעכט־שאַפט.

אַלע האָבן געקעמפט און געגלויבט, אַז דער אמת וועט סוף־כּל־סוף מוזן מנצח זײַן.

טעאָדאָר פאַרקער.

גלײַכצײַטיק מיט די אַלע אויבנדערמאָנטע קעמפער פאַר דער באַפרײַונג פון די שוואַרצע איז באַרימט געוואָרן נאָך אײנער, וואָס האָט געפירט דעם קאַמף מיט גרויס ענערגיע. דאָס איז געווען דער פרײַדיקער טע־אָדאָר פאַרקער. פאַרקער איז געווען אַ מענטש מיט אַ זעלטן רײַנער נשמה. ער האָט ליב געהאַט די גערעכטיקייט, געאַכטעט דעם מענטשן, ניט געקוקט אויף דעם, צו וועלכן פאָלק ער געהערט, פון וואָס פאַר אַ גלויבן, פון וואָס פאַר אַ שטאַנד ער איז.


טעאָדאָר פאַרקער.

דאָס פאָלק האָט זיך צו־געהערט צו פאַרקערס רייד, און ער איז זייער באַליבט געוואָרן. אָבער בײַ די רײַכע האָט ער זיך געשאַפן מיט זײַנע רעדעס אַ סך שונאים. די שונאים האָבן זיך גענומען גראָבן אונטער אים און ס'האָט זיך זיי אײַנגעגעבן זיך צו דערשלאָגן מ'זאָל אים פאַרווערן צו פרײַדיקן. פאַרקער איז דאַן אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע און האָט זיך דאָרט גענומען בילדן.

אין איראָפּע האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַ סך פרייהייטסקעמפער און איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער קעגנער פון דער קנעכטשאַפט.

אינגיכן קומט פאַרקער ווידער קיין אַמעריקע און הייבט ווידער אָן צו פּריידיקן.

די צייט איז דאַן געווען זייער אַ שווערע. די קנעכטהענדלער האָבן זיך זייער פאַרשטאַרקט. כמעט די גאַנצע רעגירונג איז באַשטאַנען פון זייערע אָנהענגער און זיי האָבן געטאָן, וואָס דאָס האַרץ געלוסט. דעם קאַמף האָבן זיי געפירט מיט דער הילף פון דער פינסטערער מאַסע. זיי פלעגן אונטערקויפן מענטשן און אָנרייצן זיי אויף די פרייהייטסקעמפער. די פינסטערע מאַסע פלעגט אָנפאַלן אויף די דרוקערייען, צערייסן די ביכער און די צייטונגען, צעשלאָגן און דערהרגענען די מיטאַרבעטער.

אין יאָר **1850** האָט זיך די קנעכטהענדלער איינגעגעבן דורכצופירן אַ מערדערישן געזעץ וועגן די אַנטלאָפענע קנעכט.

אויבן איז שוין געווען אָנגעוויזן, אַז צוליב דער שרעקלאַכער לאַגע פלעגן פיל פון די שווארצע אַנטלויפן פון די באַלעבאַטים און זיך ראַטעווען אין די פרייע שטאַטן. ווען די קנעכט די באַלעבאַטים פלעגן כאַפן, פלעגן זיי זייער שטרענג באַשטראָפן. טויזנטער נעגערס האָט זיך אָבער יאָ איינגעגעבן צו אַנטלויפן און זיך איינצואָרדנען אויף דער פריי.

לויט דעם נייעם געזעץ האָט מען די אַלע אַנטלאָפענע נעכט געמוזט צוריקקערן צו זייערע פריערדיקע באַלעבאַטים, צונעמען ביי זיי אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

פאַרקער איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעמדאָזיקן געזעץ. ער האָט גענומען דערווייזן דעם ברייטן עולם די שענדלאַכקייט פון דער קנעכטשאַפט פאַר דער מלוכה, די אכזריות פון די מערדער די קנעכטהענדלער. פאַרקער האָט אויך געגרינדעט אַ געזעלשאַפט צו העלפן די אַנטלאָפענע קנעכט.

די קנעכטהענדלער זיינען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן פאַרקערן. עטלאַכע מאָל האָבן זיי געדונגען גזלנים, כּדי אים צו הרגענען. פאַרקער האָט זיך פאַר קיינעם ניט אָפּגעשראָקן. זיין טיר איז אַלע מאָל געווען אָפן פאַר די אונטערדריקטע.

אין יענער צייט איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די שטאַטן און דער קליינער מלוכה מעקסיקע. די סיבה פון דער מלחמה איז געווען פאָלגנדיקע. אין דער געגנט טעכאַס, וואָס האָט געהערט צו מעקסיקע און האָט זיך געפונען אין שכנות מיט די דרומדיקע שטאַטן, האָבן זיך באַזעצט אַ סך דרומלייט מיט זייערע קנעכט. אַז די מעקסיקאַנישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן אויסצוראָטן אין גאַנץ מעקסיקע די קנעכטשאַפט, האָבן זיך די דרומדיקע פּריצים געשטעלט אַנטקעגן דער רעגירונג און ניט געוואָלט באַפרייען די קנעכט. זיי האָבן פאַרטריבן די מעקסיקאַנער און פּראָקלאַמירט טעכאַס פאַר אַ פריי לאַנד, וואו די געזעצן ערלויבן צו האַלטן קנעכט.

מעקסיקע האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן דאָס לאַנד און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה.

די בעסערע מענטשן אין אַמעריקע זיינען געווען קעגן דער מלחמה. אַלס קעגנער פון דער מלחמה זיינען קודם־כּל אַרויסגעטראָטן די קעגנער פון דער קנעכטשאַפט. פּאַרקער האָט גענומען אויפדעקן די אַלע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די מלחמה און פאַרשווערצט די קנעכטבאַזיצער.

איינמאָל בשעת פּאַרקער האָט געהאַלטן אַ הייסע רעדע קעגן דער מלחמה פאַר אַן עולם פון עטלאַכע טויזנט מענטשן איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג זעלנער און געוואָלט אַרעסטירן דעם רעדנער. פּאַרקער האָט זיך דאַן געווענדעט צו די זעלנער מיט עטלאַכע שאַרפע ווערטער. זיינע ווערטער האָבן געווירקט און די זעלנער האָבן פאַרשעמטע פאַרלאָזן דעם פּלאַץ פון דער פאַרזאַמלונג.

פּאַרקערס רעדעס פלעגן אַלעמאָל מאַכן אויפן עולם אַ גוואַלדיקן רושם. איינמאָל האָט מען אין דער שטאָט־טורמע אַריינגעזעצט אַן אַנטלאָפענעם נעגער. פּאַרקער האָט צונויפגעזאַמלט אַן עולם מענטשן און געווענדט זיך צו אים מיט אַ שאַרפער רעדע קעגן דער אכזריות פון די קנעכטהענדלער. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טורמע, צעבראָכן די טירן און באַפרייט דעם אומגליקלאַכן קנעכט.

אין יאָר 1850 האָט מען אין די שטאַטן געדאַרפט וויילן אַ נייעם פרעזידענט.

אַ סך באַוווּסטע אַמעריקאַנער האָבן געשטרעבט צו פאַרנעמען דעם בכּבודיקן פּאָסטן פון פרעזידענט. צווישן די אַלע קאַנדידאַטן האָט זיך אָבער מער פאַר אַלעמען אויסגעטיילט איינער אַ באַרימטער פריידיקער ד ני א ל ו ו ע ב ס ט ע ר.

וועבסטער איז פריער געווען אַ סענאַטאָר, נאָכער אַ מיניסטער, איצט האָט זיך אים אַנדערש ניט געוואָלט ווערן פרעזידענט. פאַר די וואַלן איז וועבסטער געווען אַן אָרנטלאַכער מאַן, ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן קנעכטשאַפט, איז געווען אַ קעגנער פון דער מלחמה. איצט, אין דער צייט פון די וואַלן, האָט ער זיך מיטאַמאָל איינגאַנצן איבערגעביטן. די סיבה איז געווען אַ פאַרשטענדלאַכע. אַזוי ווי די דרומלייט זיינען געווען זייער שטאַרק, האָט ער אָנגעהויבן זיך אונטערצוחנפענען צו זיי, כדי צו געווינען ביי די וואַלן זייערע שטימען.

וועבסטער איז אַרומגעפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט, געהאַלטן פייערדיקע רעדעס און דערוויזן, אַז קנעכטשאַפט איז געזעצלאַך און יושרדיק, און די אַלע, וואָס טרעטן אַרויס קעגן קנעכטשאַפט, זיינען קעגן די געזעצן פון דעם לאַנד.

אַזוי ווי וועבסטער איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער, פלעגן זיינע רעדעס גוואַלדיק ווירקן אויפןברייטן עולם.

קעמפן מיט אַזאַ קעגנער איז געווען ניט לייכט און די דאָזיקע שווערע אַרבעט האָט גענומען אויף זיך פאַרקער.

דאָס פאָלק האָט סוף כּל סוף פאַרשטאַנען, ווו עס איז דער אמת און האָט זיך אָפּגעקערט פון דעם פאַררעטער, וואָס האָט געביטן זיינע איבערצייגונגען הייל צוליב דעם, כדי צו פאַרנעמען די הויכע שטעלע פון פרעזידענט.

די דרומלייט האָבן זיך באַלד אויך אָפּגעקערט פון וועבסטערן און ער איז אויסגעשטאָרבן אין איינזאַמקייט, פאַרלאָזן און פאַרהאַסט פון אַלעמען.

די בעסטע מענטשן פון אַמעריקע האָבן מיט אַלע כּוחות געקעמפט קעגן דער קנעכטשאַפט. די מאַכט פון די קנעכטבאַזיצער

איז אָבער געווען גוואַלדיק גרויס. די רעגירונג האָט, ווי געזאָגט, געטאָן אַלץ, וואָס די קנעכטבאַזיצער האָבן פאַרלאַנגט. דער אכזריותדיקער געזעץ וועגן די אַנטלאָפענע איז חל געווען אויף אַלע געביטן, אפילו פון די צפונדיקע שטאַטן. ווי נאָר מ׳פלעגט כאַפּן אַ באַהאַלטענעם נעגער, פלעגט מען אים גלייך צוריקקערן צו זיין פריערדיקן באַלעבאָס. און ווי אַזוי דער באַלעבאָס פלעגט זיך נוקם זיין אָן די אַנטלאָפענע קנעכט, איז זיך לייכט פאָר־צושטעלן.

צוזעענדיק די גרוילן פון דער קנעכטשאַפט, פלעגן אייניקע פרייהייטסקעמפער אַריינפאַלן אין יאוש. דער גרעסטער טייל אָבער האָט ניט פאַרלאָרן דעם מוט און, וואָס ווייטער, נאָך מיט מער ענערגיע גענומען פירן דעם קאַמף. די צאָל פון די בייע קעמפער איז אַלץ געוואַקסן. זייער ווירקונג האָט זיך פאַרשפרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

אין יאָר 1852 האָט גאַנץ אַמעריקע גענומען לייענען דאָס באַרימט בוך פון ביטשער סטאָו, „פּעטער טאָמס הייזל“. אין דעם דאָזיקן בוך זיינען די ליידן פון די אומגליקלאַכע קנעכט נעשיל־דערט געוואָרן מיט אַזאַ קראַפט, אַז דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק האָט אַ ציטער געטאָן פון רחמנות און גרויל

ביטשער סטאָו.

גאַבריעט ביטשער סטאָו איז געבאָרן געוואָרן דעם 14 יוני 1812 יאָר אין דער שטאָט ליטשפילד, וואָס געפינט זיך אין דעם שטאַט קאָנעקטיקוט.

דער פאָטער אירער איז געווען זייער אַ געבילדעטער מענטש, אַ פריידיקער, אַ פיינד פון קנעכטשאַפט. אין זיינע רעדעס פלעגט ער אַלעמאָל אַרויסטרעטן קעגן דער אכזריות פון די קנעכט־באַזיצער.

די ליבע צו אַלע מענטשן און די שנאה צו דער קנעכט־שאַפט האָט דער פּאָטער אויך אײַנגעפּלאַנצט בײַ זײַנע קינדער.

צו 3 יאָר האָט גאַבריעט ביטשער פאַרלאָרן די מוטער. דער פּאָטער האָט זי דאַן אָפּגעפירט אויף האָדעוואַניע צו דער רייכער באָבען.

ביטשער סטאָו אין די יונגע יאָרן.

בײַ דער באָבען האָבן גע־דינט אַסך קנעכט. מע פלעגט זיך דאָ באַגיין מיט זיי, ווי אומעטום, זייער שטרענג.

קומענדיק אַהיים, פלעגט דאָס קינד דערציילן דעם פּאָטער וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך בײַ דער באָבען, ווי אַזוי מע פּײַניקט דאָרט מיט שוואַר־צע. דער פּאָטער פלעגט איר דערקלערן, אַז די באָבע טוט זייער ניט גוט, וואָס זי באַציט זיך אַזוי צו די שוואַרצע, אַז זיי, די נעגערס, זײַנען אויך אַזעלכע מענטשן ווי די ווייסע און מע טאָר זיי ניט באַליידיקן.

די האַרציקע ווערטער פון דעם פּאָטער האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין דער נשמה פון דער קליינער גאַבריעט.

צו 5 יאָר האָט מען גאַבריעט אָפּגעגעבן אין אַ שול זיך לערנען.

גאַבריעט איז געווען זייער אַ פייאיק קינד. זי האָט זיך גיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און גענומען זיך צו די ביכער, וואָס האָבן זיך געפונען בײַ זיי אינדערהיים.

גאַבריעט האָט זיך געלערנט זייער פלייסיק. אַ סך האָט מיט־געהאָלפן איר אַנטוויקלונג איינער אַ לערער פון די עלטערע קלאַסן מיסטער ברעס. דער דאָזיקער לערער פלעגט אָפט שמועסן

מיט די תלמידות, דערציילן זיי וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך און ווי עס לעבט זיך ביי זיי אין לאַנד און אין דער גאַנצער וועלט.

די קינדער פלעגן זיך צוהערן צו די רייד פון דעם לערער מיט גרויס אינטערעס. אָפטמאָל פלעגט זיי דער לערער פאַרגעבן צו שרייבן זעלבשטענדיקע אויפזאַצן וועגן די געפירטע שמועסן. די קינדער פלעגן זייער גערן אויספירן די דאָזיקע אַרבעטן.

מיט דער גרעסטער ליבע פלעגט זיך באַציען צו די שריפט־לאַכע אַרבעטן גאַבריעט ביטשער.

צו 12 יאָר האָט גאַבריעט געענדיקט די שול.

צו 15 יאָר האָט זי שוין אַליין גענומען לערנען מיט קינ־דער אין דער שול פון אירער אַן עלטערער שוועסטער. אין דער דאָזיקער שול האָט גאַבריעט געאַרבעט אַ לענגערע צייט. גאַבריעט האָט זיך זייער צוגעבונדן צו די קינדער און די קינדער האָבן זי זייער ליב געהאַט, דערהויפט פאַר די שיינע מעשהלאַך, וואָס זי פלעגט זיי דערציילן.

מיט דער צייט האָט גאַבריעט גענומען פאַרשרייבן די דערציילטע מעשהלאַך אין אַ העפט. זי פלעגט עס אויך געבן לייענען אירע באַקאַנטע.

אין יאָר 1834 האָט זיך איר געמאַכט אַ געלעגנהייט איינע פון די מעשהלאַך אָפּצודרוקן. איינער אַן אַרויסגעבער פון אַ צײַ־טונג האָט געמאָלדן, אַז ער גיט אַרויס אַ פּרעמיע פון 100 דאָלאַר דעם, וואָס וועט אָנשרייבן אַ קורצע אינטערעסאַנטע געשיכטע. גאַבריעט האָט אַוועקגעשיקט אין רעדאַקציע אַן ערציילונג, „דער פעטער לוט“. די דערציילונג האָט אויסגענומען און גאַבריעט האָט געקראָגן די פּרעמיע.

באַגייסטערט פון דעם ערשטן ערפאָלג, האָט גאַבריעט אָנגע־שריבן נאָך עטלאַכע דערציילונגען.

אין יאָר 1835 האָט גאַבריעט ביטשער חתונה געהאַט מיט איינעם אַ פּראָפעסאָר מיסטער סטאָו און האָט זיך באַזעצט מיטן מאַן אין דער שטאָט ציַנצינאַטי.

די דאָזיקע שטאָט האָט זיך געפונען אויפן גרעניץ פון די

קנעכטישע שטאַטן. דאָ האָבן געוואוינט פיל פון די באַפרייטע נעגערס.

ביטשער סטאָו האָט זיך דאָ זייער נאָענט באַקאָנט מיטן לעבן פון די נעגערס. מיט אַ סך פון זיי האָט זי זיך באַפריינדעט און געלעבט מיט זיי ווי מיט אייגענע. די נעגערס פלעגן איר אָפט דערציילן די טרויעריקע געשיכטעס פון זייער פריערדיקן לעבן בײַ די פּלאַנטאַטאָרס. די געשיכטעס פלעגן זיין אַזוי שרעקלאך, אַז דאָס האַרץ פון דער פרוי פלעגט באַגאָסן ווערן מיט בלוט.

ביטשער סטאָו איז אויך אויסגעקומען צוצוזען מיט די אייגענע אויגן, ווי אַזוי די פּלאַנטאַטאָרס האָבן זיך נוקם געווען אָן די קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון די שוואַרצע.

אין דער שטאָט ציִנציִנאַטי האָט געוואוינט אייגער בערני, וואָס האָט אַ סך געטאָן פאַר דער באַפרייונג פון די שוואַרצע. ער האָט באַפרייט אַלע זיינע קנעכט און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג „דער מענטשנפריינד", אין וועלכער ער האָט געשריבן קעגן קנעכטשאַפט.

די קנעכטהענדלער זיינען געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן דעם רעדאַקטאָר פון דער אָנגערופענער צייטונג און האָבן זיך מיט אים אָפּגערעכנט אויף אַ שענדלעכן אופן. זיי האָבן אונטערגעקויפט אַ המון פון נידערטרעכטיקע מענטשן און דער המון איז באַפאַלן די דרוקעריי מיט דער רעדאַקציע. מ'האָט צעשלעפט און צעוואָרפן די שריפט, צעטראָגן די געביידע, געמאַכט אַ פולשטענדיקן פּאָגראָם. בערני מיט זיינע פריינד האָבן געמוזט אַנטלויפן פון דער שטאָט.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָט זיך בײַ דער פרוי סטאָו דער האַס קעגן די קנעכטהענדלער נאָך מערער פאַרשטאַרקט. עס האָט זיך איר געוואָלט אַליין אַריינטרעטן אין קאַמף. זי האָט נאָך דאַן אָבער ניט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס צו טאָן, מיט וואָס זי קען דינען דער זאַך פון דער באַפרייונג.

אַ שטאַרקן רושם האָט אויך געמאַכט אויף דער פרוי סטאָו דער פאַל מיט אירער אַ דינסט.

אין יאָר 1839 האָט זי געדונגען אַ דינסט, וואָס האָט פריער געהערט צו אַ פלאַנטאַטאָר אַ קנעכטהענדלער.

אַזוי ווי די שטאָט, ציגציגאַט האָט געהערט צו די פרייע שטאַטן, האָבן זיך דאָרט אַלע שוואַרצע גערעכנט פאַר פרייע בירגער.

ביטשער סטאָו האָט גאָר אַנדערש ניט געטראַכט, אַז די דינסט אירע איז פריי.

אָבער אין עטלאַכע חדשים אַרום נאָכדעם ווי די דינסט איז אָנגעקומען צו איר אויף דער שטעלע דערוויסט זי זיך פלוצ-לונג, אַז דער פריערדיקער באַלעבאָס פון דער דינסט איז געקומען און פאַרלאַנגט מע זאָל זי אים צוריקגעבן.

ביטשער סטאָו האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט איבער-געבן דאָס מיידל צום קנעכטהענדלער אין די הענט און זי האָט זי שטילערהייט מיט אַ זייטיקן וועג אָפּגעפירט צו אירן אַ פריינד.

די דאָזיקע געשיכטע האָט זי שפּעטער באַשריבן אין דעם באַרימטן בוך „אָנקל טאָמס הייזל".

17 יאָר האָט ביטשער סטאָו געלעבט אויפן גרעניץ פון דעם קנעכטישן שטאַט. זי האָט שטאַרק מיטגעפילט די שוואַרצע און אין משך פון דער גאַנצער צייט מיט אַלע כּוחות מיטגעהאָלפן זיי זיך צו ראַטעווען און צו אַנטלויפן.

פרוי סטאָו האָט אויך געעפנט אַ שול פאַר די קינדער פון די באַפרייטע קנעכט און האָט דאָרט ערצויגן די שוואַרצע קינדער, אָפּגעגעבן זיך דער אַרבעט מיט לייב און לעבן.

אין יאָר 1849 האָט זיך אין דער שטאָט ציגציגאַטי פאַר-שפּרייט די עפּידעמיע פון כאָלערע. פרוי סטאָוס אַ קינד איז אויך קראַנק געוואָרן און איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

דער צער פון דער מוטער איז געוועזן זייער גרויס. נאָך דעם שרעקלאַכן אומגליק האָט זי נאָך שטאַרקער גענומען מיטפילן די פרעמדעליידן.

„שטייענדיק פאַר דעם וויגעלע פון מיין טויטן קינד—שרייבט זי—האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, וואָס עס דאַרף פילן די אומגליקלאַכע שוואַרצע מוטער, ווען מ'נעמט ביי איר צו איר לעבעדיקן קינד"...

צום סוף פון יאָר 1850 איז די פאַמיליע סטאָו אַריבערגעפאָרן קיין ברונסוויק.

אין יענער צייט זיינען די פרייהייטס־קעמפער זייער שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דעם נייעם געזעץ וועגן די אַנטלאָפענע נעגערס. לויט דעמדאָזיקן געזעץ האָבן שוין די אַנטלאָפענע ניט געקאָנט געפינען קיין מקום מקלט אפילו אין די צפונדיקע שטאַטן. פון אומעטום האָט מען זיי איצט געדאַרפט אַרויסגעבן.

דער קאָנגרעס האָט סוף־כל־סוף באַשטעטיקט דעמדאָזיקן מערדערישן געזעץ און די קנעכטהענדלער האָבן גענומען אָפּטאָן מיט די אַנטלאָפענע נעגערס די שרעקלאַכסטע מעשים. זיי האָבן פונאַנדערגעשיקט כאַפּערס אין אַלע שטעט און אומעטום האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער געיעג אויף מענטשן.

די אומגליקלאַכע קנעכט פלעגן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, אַנטלויפן אויף די שיפן, אָפּפאָרן קיין קאַנאַדע, קיין איראָפּע.

די לופט איז פול געוואָרן מיט גוואַלדיקע געשרייען, קרעכצן און קללות.

ביטשער סטאָו האָט זיך זייער געגומען צום האַרצן די לאַגע פון די אומגליקלאַכע. טאָג און נאַכט האָט איר ניט געלאָזט רוען דער געדאַנק וועגן די ליידן פון די שוואַרצע קנעכט.

אַ סך פון אירע פריינד האָבן איר באַשריבן די ליידן פון די שוואַרצע אין זייערע בריוו, און זי האָט אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו נעמען העלפן די אומגליקלאַכע.

איינער פון דידאָזיקע בריוו האָט געמאַכט אויף איר אַ גוואַלדיקן רושם. דאָס איז געווען אַ בריוו פון איר ברודערס פרוי.

„טייערער פריינד—האָט די פרוי געשריבן צו סטאָו—מ'טאָר שוין מער ניט שווייגן, מ'דאַרף שרייען, דערציילן וועגן אַלץ דעם פאָלק, אַזוי, אַז דאָס האַרץ זאָל אַ ציטער טאָן, אַלע זאָלן אָנהייבן צו קלאָגן אויף דעם שרעקלאַכן גורל פון די קנעכט!..

ווען איך וואָלט געקאָנט אַזוי שרייבן ווי דו, וואָלט איך תיכף באַשריבן אַלץ, וואָס ס'קומט פאָר ביי אונז אין לאַנד. מ'מוז סוף־כל־סוף עפענען דעם פאָלק די אויגן!"

אַז ביטשער סטאָו האָט איבערגעלייענט דעמדאָזיקן בריוו, האָט זי ניט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן און ביטער זיך פונאַנ־דערגעוויינט.

— איך וועל אָנשרייבן, איך מוז אָנשרייבן! — האָט זי אויס־געשריען און האָט פעסט באַשלאָסן אויסצודריקן די גאַנצע שנאה צו דער קנעכטשאַפט, אויסגיסן די אַלע געפילן, וואָס האָבן זי יאָרנלאַנג געפּייניקט.

ביטשער סטאָו האָט גענומען באַטראַכטן און צוגרייטן דאָס ווערק: זאַמלען מאַטעריאַלן, פאַרשיידענע ידיעות וועגן דער לאַגע פון די קנעכט אויף די פּלאַנטאַציעס, פון די אַנטלאָפענע א. ד. ג.

זי האָט זיך אויך גענומען דערמאָנען די אַלע בילדער פון דעם לעבן פון די שוואַרצע, וואָס זי האָט זיך אָנגעזען פאַר דער גאַנצער צייט. פאַרשיידענע סצענעס האָבן אָנגעהויבן אַרומצושוועבן פאַר אירע אויגן: אַ סצענע ווי אַזוי אַ פּלאַנטאַטאָר פאַרקויפט אַ שוואַרצן קינד פאַר דער מאַמען אין די אויגן, ווי אַזוי די מאַמע אַנטלויפט מיטן קינד, די צרות וואָס ס׳קומט אויס דער מוטער אויס־צושטיין אין וועג, איידער עס גיט זיך איר איין צו אַנטלויפן אין אַ זיכערן אָרט; אַ סצענע, ווי אַזוי דערזועלביקער פּלאַנטאַטאָר פאַרקויפט איינעם פון זיינע געטרייסטע און ערלאַכסטע קנעכט, דעם אַלטן טאָם. ווי אַזוי טאָם גייט איבער פון איין באַלעבאָס צום אַנדערן, ווי אַזוי ער קומט אום פון די קלעפּ פון איינעם אַ פּלאַנ־טאַטאָר אַן אכזר. אַ סך סצענעס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אירע אויגן.

ביסלאַכווייז האָבן זיך ביי דער שרייבערין אין מוח די אַלע סצענעס צונויפגעבונדן אין איין געשיכטע און זי האָט עס אַלץ באַשריבן אין אַ בוך מיטן נאָמען „פעטער טאָמס הייזל״.

אין יאָר 1851 האָט זיך אין דער צייטונג „נאַציאָנאַלע ערע״ באַוויזן דער ערשטער קאַפּיטל פון דעמדאָזיקן בוך.

ביז היינטיקן טאָג מאַכט נאָך דאָס בוך אַ שטאַרקן רושם אויפן לעזער. צוזאַמען מיט די שוואַרצע העלדן פון דער טרויע־ריקער געשיכטע לעבט איבער דער לעזער זייער שרעקלאַכע ליידן. דאָס האַרץ פון דעם לעזער ווערט ביים לייענען פול מיט

כּעס צו די אונטערדריקער און ס׳ווילט זיך העלפן, ראַטעווען די אומגליקלאַכע אונטערדריקטע.

בּיטשער סטאָו

אין יענער צייט, אין רעכטן בּרעגן פון דער קנעכטשאַפט, איז דער רושם פון דעם בּוך געווען נאָך אַ שטאַרקערער. ס׳האָט פּשוט אָנגענומען בּיים האַרצן ייִענענדיק. טויזנטער מענטשן האָבּן זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף, געעפנט די אויגן, דערהערט די קרעכצן פון די אומגליקלאַכע.

טויזנטער האָבּן אַ ציטער געטאָן פאַר רחמנות און בּזיון.

דאָס ליכטיקע געשטאַלט פון פעטער טאָם שטייט אַלעמען פאַר די אויגן. טאָם איז העכער פאַר די אַרומיקע ווייסע און ער, דער ערלאַכער, טרייער, ליבּהאַרציקער, פרומער טאָם, קומט אום מיט אַזאַ שרעקלאַכן טויט, ווערט דערהרגעט מיט שטעקנס לויטן בּאַפעל פון זיין בּאַלעבּאָס. די ווירקונג פון דעם בּוך אויף די לעזער איז געווען אַ גוואַלדיקע.

אַלע לעזער פון „אָנקל טאָמס הייזל״ פלעגן פאַרמאַכן דאָס בּוך מיט דיזעלבּיקע ווערטער: „עס איז שרעקלאַך! ווייטער קען אַזוי ניט זיין!..״

ווי אַ גלאָק האָבּן זיך די האַרציקע ווערטער פון בּיטשער סטאָו פונאַנדערגעקלונגען איבּער גאַנץ אַמעריקע און גערופן אַלעמען צום קאַמף מיט דער שרעקלאַכער בּייז פון דער קנעכטשאַפט.

מיט אַ ציטער אין האַרצן און מיט טרערן אין די אויגן האָט מען געלייענט יעדן קאַפּיטל פון "טאָמס הייזל", בשעת דאָס ווערק האָט זיך געדרוקט אין זשורנאַל. און אַז די געשיכטע איז אַרויס אין אַ באַזונדער בוך, האָט זיך דאָס בוך פאַרשפּרייט אין טויזנטער עקזעמפּליאַרן איבער אַלע שטאַטן פון אַמעריקע און אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן איבער דער גאַנצער וועלט.

ביטשער סטאָו האָט באַקומען טויזנטער בריוו פון אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן זי מיט דער גרעסטער ליבע געדאַנקט פאַר דעם, וואָס זי האָט זיי געעפנט די אויגן, וואָס זי האָט באַוויזן דער גאַנצער וועלט דאָס שרעקלאַכע בילד פון פּייניקן מענטשן.

ריירנדיקער פאַר אַלע זיינען געוועזן די בריוו פון דער יוגנט און פון די קינדער.

אַז דאָס בוך איז אַרויס פון דרוק, האָט זיך די פאַרפאַסערין געווענדעט צו דער יוגנט מיט דיזאַזיקע ווערטער:

"דעם וואַרימסטן גרוס שיק איך אייך, מיינע יונגע לעזער! טייערע פריינד, באַלד וועט קומען אַ צייט, ווען איר וועט ווערן דערוואַקסענע מענטשן! איך ווינטש, אַז די דערציילונג זאָל איינפלאַנצן אין אייערע הערצער רחמנות צו די אָרימע אונטערדריקטע שקלאַפן. אַז איר, מיינע פריינד, וועט אויסוואַקסן, זאָלט איר טאָן אַלץ, וואָס איר וועט קענען, כדי די קנעכטשאַפט צו פאַרטיליקן.

איך פאַרהאָף, אַז ווען איר וועט אויסוואַקסן, וועט שוין אויף דער וועלט ניט זיין קיין אוממענטשלאַכע קנעכטשאַפט".

נאָכן אַרויסגעבן פון דעם בוך האָט זיך ביטשער סטאָו ניט באַרואיקט.

זי איז געוואָרן אַן אַקטיווע קעמפערין פאַר דער באַפרייונג: אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפט, צונויפגערופן פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן רעדעס, געזאַמלט געלט, כדי אויסצוקויפן די קינדער און די פרויען פון די אַנטלאָפענע קנעכט.

דער שליסל צו „פעטער טאָמס הייזל".

אין דעם לאַנד פון דער קנעכטשאַפט האָט מען דאָס ווערק פון ביטשער סטאָו באַגעגנט מיט גרויס האַס.

די גלחים זיינען אין זייערע דרשות שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן „פעטער טאָמס הייזל". זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז דאָס בוך איז קעגן גאָט, אַז דער מחבר איז אויסן געווען נאָר אַרויסצורופן אַ בונט פון די שקלאַפן.

די קנעכטבאַזיצער האָבן פאַרווערט דאָס בוך צו פאַר־שפרייטן אין די דרומדיקע שטאַטן. די אַגענטן זייערע פלעגן איבערכאַפּן די טראַנספּאָרטן פון דעמדאָזיקן בוך און גלייך זיי פאַרברענען.

נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע רדיפות האָט זיך דאָס בוך דאָך זייער פאַרשפּרייט אין די דרומדיקע שטאַטן. עס פלעגט אַריינ־דרינגען אפילו אין די פאַמיליעס פון די קנעכטבאַזיצער.

דערזען, אַז מיטן פאַרבאָט פון דעם בוך האָבן זיי גאָרנישט דערגרייכט, האָבן די קנעכטבאַזיצער גענומען אויף אַן אַנדער אופן קעמפן מיט דעם געפערלאַכן ווערק.

זיי האָבן גענומען שרייבן אין די צייטונגען, אַז אַלץ, וואָס ס'איז געשריבן אין דעם בוך איז ליגן, אַז אַלץ איז אויסגעטראַכט.

ביטשער סטאָו האָט דאַן באַשלאָסן צו דערווייזן דער וועלט, אַז דאָס וואָס זי האָט געשריבן איז אַ שרעקלאַכער און ביטערער אמת, אַז אין דער ווירקלאַכקייט איז די לאַגע פון די קנעכט נאָך אַ סך טרויעריקער ווי זי האָט עס באַשריבן. און זי האָט גענומען זאַמלען מאַטעריאַלן: בריוו, דערציילונגען, באַווייזן פון די געלי־טענע א. ד. ג. און די אַלע מאַטעריאַלן האָט זי פאַרעפנטלאַכט אין אַ צווייטן בוך, וואָס זי האָט אָנגערופן „דער שליסל צו פע־טער טאָמס הייזל".

ביי יעדן באַווייז האָט זי אָנגערופן די נעמען פון די עדות

און אַזוי אַרום האָט זיך יעדערער געקאָנט איבערצייגן אין דעם אמת פון דער זאַך.

דאָס צווייטע בוך פון ביטשער סטאָו האָט פונאַנדערגע־עפנט פאַר דער וועלט אַזוינע גרוילן פון דער קנעכטשאַפט, אַז אין פאַרגלייך מיט זיי זיינען די פריער געשילדערטע געווען גאָרנישט.

ביטשער סטאָו האָט אָפּגעשיקט איר בוך קיין איירָאפּע מיט פאָלגנדיקן אויפשריפט. „יע, מיר קומט אויס איצט אַרויסצוטרעטן קעגן מיינע אייגענע לאַנדסלייט די אַמעריקאַנער. זאָל דער קול פון דער גאַנצער מענ־שהייט זיי אויפוועקן פון דעם האַרטן שלאָף!"

אַלס ענטפער אויף דערדאָזיקער ווענדונג האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון איירָאפּע קיין אַמעריקע פּראָטעסטן און פּעטיציעס צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג, אונטערגעשריבן פון צענדליקער טויזנטער מענטשן: אַלע האָבן געפאָדערט, אַז די אַמעריקאַנער זאָלן וואָס גיכער מאַכן אַ סוף פון דער קנעכטשאַפט.

אין איירָאפּע האָבן שוין פון פריער עקזיסטירט עטלעכע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן די קנעכטשאַפט אין אַלע לענדער.

די אַלע געזעלשאַפטן האָבן איצט גענומען מיטהעלפן די אַמעריקאַנער חברים אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייונג.

ביטשער סטאָו האָט זיך איבערגעשריבן און באַפריינדעט מיט אַ סך וויכטיקע מיטגלידער פון דידאָזיקע געזעלשאַפטן.

כדי צוצוציען די סימפּאַטיעס פון דער ברייטער איירָאפּע־אישער געזעלשאַפט צו דער זאַך פון דער באַפרייונג, האָבן די נייע פריינד איינגעלאַדן ביטשער סטאָו קיין איירָאפּע.

אין יאָר 1853 האָט ביטשער סטאָו ערפילט די בקשה פון אירע פריינד. זי איז אַראָפּגעקומען פון אַמעריקע און האָט באַ־זוכט אַ סך שטעט אין איירָאפּע. אומעטום האָט מען באַגעגנט די קעמפערין ווי אַ טייערן גאַסט. יעדערן האָט זיך געוואָלט אָנקוקן זי אין פּנים, הערן פון איר אַ וואָרט. מאַמעס פלעגן ברענגען די קינדער זייערע אויף די פאַרזאַמלונגען און אָנווייזן זיי, אַז די דאָזיקע פרוי האָט דאָס אָנגעשריבן „פעטער טאָמס הייזל"

ביטשער סטאָו האָט צונויפגעזאַמלט אין איראָפּע אַ סך נדבות לטובת די שוואַרצע קנעכט. די גרעסטע אָרימע לייט האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב וואָס-עס-איז צו שענקען לטובת די אומגליקלאַכע. אפילו קליינע קינדער האָבן אויך גענומען אַן אָנטייל אין די זאַמלונגען.

איינמאָל האָט ביטשער סטאָו באַזוכט אַ שול אין דעם אַרבעטער-קוואַרטאַל סאַן-אַנטואַן אין פּאַריז. אין דער דאָזיקער שול האָבן זיך געלערנט זייער אָרימע קינדער. יעדעס קינד פלעגט באַקומען פון דער מוטער נאָר 3 סו*) אויף מיטאָג... אַז די קינדער האָבן זיך דערוווּסט, ווער עס איז געקומען צו זיי אין געסט, האָבן זיי זיך צונויפגעלייגט און אַוועקגעגעבן דער פרוי אַ העלפט פון זייער געלט פאַר די אומגליקלאַכע קנעכט.

דער דאָזיקער פאַל האָט געמאַכט אויף דער קעמפערין אַ גוואַלדיקן רושם.

פון דער רייזע איבער איראָפּע האָט זיך ביטשער סטאָו צוריקגעקערט אַ צופרידענע און אַ באַגייסטערטע.

זי האָט געזען דאָס מיטגעפיל, וואָס אַלע פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן צו די שוואַרצע, און זי האָט באַשלאָסן מיט פרישע כוחות זיך נעמען צום קאַמף. זי האָט ווידער גענומען דרוקן אַרטיקלען און אויפרופן קעגן קנעכטשאַפט. איר הויז איז געוואָרן דאָס הויפטאָרט פון די פאַרזאַמלונגען פון די פרייהייטס-פריינד.

מיט דער הילף פון די גרויסע סומעס געלט, וואָס זי האָט צונויפגעזאַמלט אין איראָפּע, האָט ביטשער סטאָו געהאַט אַ מעגלאַכקייט אויסצוקויפן הונדערטער שוואַרצע פאַמיליעס. זי האָט געשאַפן אַ היים פאַר די באַפרייטע שקלאַפן, געשפּייזט זיי, געהאָלפן זיי אַריבערפאָרן און באַזעצן זיך אין די פרייע ערטער.

ביטשער סטאָו מיט אירע פריינד האָבן אויך גענומען עפענען שולן פאַר די שוואַרצע, פאַרשפּרייטן צווישן זיי בילדונג.

די לערער פון די דאָזיקע שולן האָבן געדאַרפט קענען די

---

*) סו — אַ קליינע פראַנצויזישע מטבע.

שפּראַך פון די נעגערס, זייערע מנהגים, געוויינהייטן. נאָר צו אַזוי־נע לערער האָבן די שוואַרצע שילער געקאָנט האָבן צוטרוי.

אַזוינע לערער איז אָבער געווען ווייניק. כּדי צוצוגרייטן די פּאַסיקע לערער, האָבן די פרייהייטס־פריינד באַשלאָסן צו עפע־נען אַ לערער־סעמינאַר. דער רוף פון די פרייהייטס־פריינד האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי אַ גרויסן טייל פון דער אַמעריקאַנער יוגנט און פיל פון זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן דער וויכטיקער אַר־בעט פון בילדן די שוואַרצע.

די קנעכטבאַזיצער האָבן דערווייל פעסט געהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט, דערשטיקט יעדעס וואָרט קעגן קנעכטשאַפט, געטריבן אפילו די לערער פון די שולן. די נאַכט פון דער קנעכט־שאַפט האָט געוועלטיקט אין די דרומדיקע שטאַטן. דריי מיליאָן מענטשן האָבן זיך געפּייניקט אין געפענקעניש.

די פרייהייט איז שוין אָבער געווען ניט ווייט. די טירן פון דער געפענקעניש האָבן באַלד געדאַרפט איינפאַלן. דער האַס צו די אונטערדריקער איז געוואַקסן. מיט גוטן האָבן די קנעכט־באַזיצער די מאַכט פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזן און דעם מאָרגנשטערן פון פרייהייט איז באַשערט געווען אויפצוגיין נאָך אַ סך בלוטפאַרגיסונגען און מלחמות.

דזשאָן בראַון.

די אַרבעט פון די ערשטע קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון די שוואַרצע איז באַשטאַנען, ווי מיר האָבן געזען, אין אויפ־קלערונג. די אַלע קעמפער האָבן געהאָפט, אַז ווען מ׳וועט אויפ־וועקן דאָס געוויסן ביים פאָלק, וועט די קנעכטשאַפט פאַלן פון זיך אַליין.

מיט דער צייט האָבן זיך אָבער געפונען אויך אַזוינע קעמ־פער, וואָס האָבן ניט געגלויבט, אַז די פּלאַנטאַטאָרס זאָלן מיט גוטן באַפרייען די אומזיסטע קנעכט. דידאָזיקע קעמפער האָבן

געהאַלטן, אַז ס'איז דאָ גאָר איין מיטל צו באַפרייען די שוואַר-צע — נעמען זיך פאַר געווער און אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד.

דעם ערשטן פרווו צו באַפרייען די שוואַרצע מיט געוואַלד האָט געמאַכט איינער אַ פאַסטוך דזשאָן בראַון.

דזשאָן בראַון איז געווען זייער אַ ענערגישער און דרייס-טער מענטש. פון קינדווייז אויף האָט ער אַרומגעוואַנדערט מיט די סטאַדעס איבער די מדבריות פון שטאַט אָ ה אַ י אָ.

פון דער יוגנט אָן האָט ער זיך צוגעוויינט צו אַ ווילדן פרייען לעבן. קיין געפאַר איז פאַר אים ניט שרעקלאַך געווען, פאַר קיין זאַך האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט שטרעבנדיק דער-גרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל.

בראַון האָט געפיטערט די סטאַדעס ביי איינעם אַ רייכן גוטבאַזיצער. דערדאָזיקער באַלעבאָס זיינער האָט געהאַט אַ סך שוואַרצע קנעכט. די לאַגע פון די קנעכט איז געווען אַזוי שרעקלאַך, אַז ס'איז גאָר שווער געווען צוצוזען זייערע ליידן. דערהויפּט האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף בראַונען די לאַגע פון איינעם אַ יונגן קינד, וואָס מ'האָט אָפּגעריסן ביי די עלטערן און פאַרקויפט צום באַלעבאָס דעם אכזר אויף צרות און פיין.

בראַון האָט זיך באַקאַנט מיט דער שרעקלאַכער לאַגע פון די שוואַרצע און געגעבן זיך אַ וואָרט אָפּצוגעבן זיך אינ-גאַנצן דעם קאַמף מיט דער קנעכטשאַפט.

און ער האָט זיין וואָרט געהאַלטן.

נאָך אין יאָר 1838 שאַפט ער אַ פּלאַן ווי אַזוי אויפצוהייבן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן די קנעכטבאַזיצער.

דער פּלאַן זיינער איז געווען אַזאַ: פּלוצלונג האָט מען גע-דאַרפט אויפהייבן אַ בונט אין דעם צענטער פון די קנעכטישע שטאַטן. צו דעם צוועק האָט מען געדאַרפט צוגרייטן עטלאַכע אָפּטיילונגען פון דרייסטע מענטשן. די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָבן זיך געדאַרפט באַהאַלטן אין די ניט צוטריטלאַכע באַרג-שפּאַלטן און פון דאָרט פּלוצלונג אָנפאַלן אויף די הויפן, אַרויפוואַרפן אַן אימה אויף די הערשער און באַפרייען די קנעכט.

בראַון האָט גערעכנט, אַז נאָך די ערשטע נצחונות וועט

זיך אָנהייבן אַן אַלגעמיינער אויפשטאַנד. די באַלעבאַטים וועלן זיך דערשרעקן און וועלן זיך אונטערגעבן.

בראַון האָט אויך געהאָפט, אַז ביי דעם ערשטן ערפאָלג וועלן אים אויך אונטערהאַלטן די אַלע פרייהייטספריינד פון די צפונדיקע שטאַטן.

לאַנג האָט בראַון געוואַרט אויף אַ גינסטיקן מאָמענט, ווען ער זאָל קענען פאַרווירקלאַכן זיין פּלאַן.

די צוגרייטונגס־אַרבעט האָט געדויערט ביי אים אַ סך יאָרן.

אין יאָר 1839 איז בראַון אַריבערגעפאָרן אין אַ הויף צו זיינעם אַ פריינד, וואָס האָט באַפרייט אַלע זיינע שוואַרצע קנעכט און אפילו באַטיילט זיי מיט ערד.

בראַון האָט זיך באַזעצט צווישן די נעגערס, געלערנט זיי ווי אַזוי צו באַאַרבעטן די ערד, געפונען פאַר זיי פאַרשיידענע פּרנסות און געזאָרגט וועגן זיי ווי אַ פאָטער פאַר קינדער.

צווישן די דאָזיקע נעגערס האָט בראַון געפונען די ערשטע חברים, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיטצוהעלפן אים אָרגאַניזירן דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד פון די שוואַרצע.

אין עטלאַכע יאָר אַרום איז אַרויס אַ געזעץ, לויט וועלכן אין דעם פרייען שטאַט קענזאַס איז ווידער ערלויבט געוואָרן צו האַלטן קנעכט.

די איינוואוינער פון קענזאַס האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי פּאַרטיעס: צו איינער האָבן געהערט די אַלע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך אַריבערגעקליבן אַהער פון די צפונדיקע שטאַטן. די דאָזיקע קאָלאָניסטן זיינען געווען קעגן איינפירן קנעכטשאַפט.

צו דער צווייטער פּאַרטיע האָבן געהערט די דרומדיקע קנעכטבאַזיצער. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, הייס פאַרטיידיקט דאָס נייע געזעץ. צווישן דיביידע פּאַרטיעס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף. די קעגנער פון דער קנעכטשאַפט פלעגן אָפטמאָל מיטהעלפן די נעגערס אַנטלויפן פון די באַלעבאַטים. זיי פלעגן אויך באַהאַלטן די אַנטלאָפענע, טאָן פאַר זיי אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מיגלאַך געווען.

די קנעכטבאַזיצער האָבן דאַן אָרגאַניזירט עטלאַכע באַוואָפנ־

טע אָפּטיילונגען און גענומען באַפאַלן די הויפן פון די קאָלאָניסטן, כדי זיך צו פאַרטיידיקן, האָבן די קאָלאָניסטן אויך געשאַפן באַוואָפנטע אָפּטיילונגען.

ווי נאָר די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן, איז דזשאָן בראַון גלייך געקומען קיין קענזאַס און געשטעלט זיך אין די רייען פון די קאָלאָניסטן. מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער הויפּט־אָנפירער פון זייער גאַנצן חייל.

צוויי יאָר האָט זיך בראַון געשלאָגן מיט די קנעכטבאַזיצער און אין אַלע שלאַכטן האָט ער זיי מנצח געווען.

א דאַנק בראַונען האָט זיך די קאָלאָניסטן איינגעגעבן צו נעמען די אויבערהאַנט און אין קענזאַס איז די קנעכטשאַפט אָפּגעשאַפט געוואָרן.

בראַון האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם ערשטן נצחון. ער האָט געוואָלט גיין ווייטער, אַריינרייסן זיך אין דעם שכנותדיקן שטאַט מיסורי און אויך דאָרט אָפּשאַפן די קנעכטשאַפט.

די קאָלאָניסטן פון קענזאַס האָבן שוין אָבער מער ניט געוואָלט פירן קיין מלחמות.

בראַון האָט דאַן באַשלאָסן צו פירן דעם קאַמף אויף זיין אייגענער אחריות. מיט א הייפעלע מענטשן האָט ער זיך אַריינגעריסן קיין מיסורי און באַפרייט די קנעכט פון עטלאַכע הויפן.

אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן א גוואַלדיקער שטורים. קעגן בראַונען זיינען אַרויסגעטראָטן ניט נאָר די קנעכטבאַזיצער, נאָר אויך די פריערדיקע פריינד זיינע—די קאָלאָניסטן.

בראַון האָט געמוזט אַנטלויפן.

ער האָט זיך אָבער אויף לאַנג ניט באַרואיקט. עס איז אַוועק א קורצע צייט און ער האָט זיך ווידער גענומען צום קאַמף. איצט האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן דעם לעצטן דרייסטן פרווו: באַפאַלן די שטאָט האַרפּעס־פערי, אין רעכטן צענטער פון די קנעכטישע שטאַטן. אין דער דאָזיקער שטאָט האָט זיך געפונען דער גרעסטער אַרסענאַל מיט א סך געווער. בראַון האָט געפּלאַנט צו פאַרכאַפּן דאָס גאַנצע געווער און בעוואָפענען מיט דעם די נעגערס פון דער שטאָט. דער ערפאָלג האָט געדאַרפט אויפמונטערן די קנעכט,

עס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אַן אויפשטאַנד, וואָס וואָל זיך גיך פאַרשפרייטן איבערן גאַנצן לאַנד.

בראַון האָט געהאַט בס״ה 22 חברים, אין דעם זיינען געווען דריי זיינע זין. אַלע האָבן זיי זיך באַזעצט אַרום דער שטאָט ווי פרידלאַכע איינוואוינער און גענומען זיך גרייטן צום אָנפאַל.

אַז אַלץ איז ביי זיי פאַרטיק געוואָרן, זיינען זיי איינמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט אָנגעפאַלן אויפן אַרסענאַל פאַרכאַפט דאָס געווער און באַהערשט די שטאָט.

עטלאַכע פון זיי זיינען באַלד אַוועק אין די שכנותדיקע הויפן, כדי צו באַפרייען די קנעכט.

ביז 10 אינדערפרי האָט זיך די דרייסטע קעמפער איינגע־געבן צו האַלטן די שטאָט אין די הענט.

אינדערפרי זיינען די איינוואוינער פון דער שטאָט און פון דער אומגעגנט געקומען צו זיך. זיי האָבן זיך באַוואָפנט און זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן בראַונען.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געצויגן די שלאַכט.

דער קאַמף איז געווען ניט קיין גלייכער. אַ הייפעלע אַנט־קעגן אַ גאַנצער שטאָט. בראַון מיט די חברים האָבן זיך געשלאָגן ווי לייבן. ס׳איז אָבער קלאָר געווען, אַז האַלטן זיך לאַנג וועלן זיי ניט קענען.

אין אָוונט זיינען שוין כמעט אַלע פון זיי געווען טויט.

געבליבן זיינען נאָר 6 פאַרוווּנדעטע, צווישן זיי אויך בראַון אַליין. מ׳האָט זיי גענומען געפאַנגען און אַריינגעזעצט אין תפיסה.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז געווען אַ משפט און מע האָט זיי פאַרמשפט צו הענגען.

דעם 2־טן דעצעמבער 1859 איז דער פסק דין אויסגעפירט געוואָרן.

די בגידה פון די דרומדיקע שטאַטן.

אין אַפּריל 1860 האָבן זיך פאַרזאַמלט די דעפּוטאַטן פון אַלע שטאַטן כדי אויסצווויילן אַ נייעם פּרעזידענט.

די וואַלן פון אַ פּרעזידענט קומען פאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַלע פיר יאָר.

ביי די פּרעזידענט-וואַלן פירן צווישן זיך אַ קאַמף פאַרשיידענע פּאַרטייען פון לאַנד. יעדער פּאַרטיי וויל האָבן אַ ווירקונג אויפן גאַנג פון דער מלוכה-פירונג און נעמט דעריבער אָן אַלע מיטלען כדי דורכצופירן איר פּרעזידענט.

די פּרעזידענט-וואַלן זיינען אַלע מאָל געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין די שטאַטן, דאָס מאָל האָט מען זיך אָבער אינטערעסירט מיט זיי נאָך מער ווי ווען-עס-איז. דערהויפּט האָט אַלעמען געאַרט די פראַגע — ווי אַזוי וועט זיך דער פּרעזידענט באַציען צו דער קנעכטשאַפט.

די דעפּוטאַטן פון קאָנגרעס האָבן זיך געטיילט אויף צוויי פּאַרטייען: רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע. צו דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטייע האָבן געהערט דאָס רוב דעפּוטאַטן פון צפון, צו דער דעמאָקראַטישער — דאָס רוב דעפּוטאַטן פון דרום.

די רעפּובליקאַנער זיינען אַלע געווען קעגן דער קנעכטשאַפט. אַ טייל פון זיי האָט אפילו געפאָדערט מ'זאָל די קנעכטשאַפט אָפּשאַפן תיכף ומיד.

די קעגנער פון דער קנעכטשאַפט האָבן געהאַט אַ מערהייט אין קאָנגרעס און זיי האָבן געוואָלט אויסוויילן אַזאַ פּרעזידענט און במילא שוין אַזאַ רעגירונג, וואָס זאָלן אָנהייבן אַ קאַמף מיט דער קנעכטשאַפט.

די דרומלייט האָבן פאַרקערט פאַרלאַנגט, אַז דער פּרעזידענט און די רעגירונג זאָלן נאָך מער מיטהעלפן די קנעכטבאַזיצער אין זייערע שענדלאַכע מעשים.

די דרומלייט האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט אונ-

דער מערהייט פון די רעפּובליקאַנער. נאָך מיט אַ צייט פריער פאַרן קאָנגרעס האָבן די אָנפירער זייערע באַשלאָסן אויף אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, אַז אויב ס'וועט אויסגעוויילט ווערן אַ רעפּובליקאַנער פאַר אַ פּרעזידענט, זאָלן זיך די דרומדיקע שטאַטן אָפּרייסן פון פאַרבאַנד און בילדן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה מיט אַן אייגענער אַרמיי. זיי האָבן געהאָפט, אַז ס'וועט זיך זיי איינגעבן מיט גוואַלד צו צווינגען די איבעריקע שטאַטן צו אָנערקענען די נייע מלוכה און מיט דער צייט אפשר נאָך באַקומען די אויבער־האַנט איבער אַלע שטאַטן.

נאָך פאַרן קאָנגרעס האָבן זיי זיך שוין גענומען גרייטן צו אַן אויפשטאַנד.

זיי האָבן געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן דעם חייל קעגן די צפונדיקע שטאַטן, זיי האָבן באַזעצט די פעסטונגען מיט אייגענע מענטשן, באַזאָרגט זיך מיט אַ סך געווער.

דער אַלטער פּרעזידענט און די פריערדיקע מיניסטאָרן זיי־נען אַליין אויך געוועזן קנעכטבאַזיצער. זיי האָבן מיטגעפילט די דרומלייט און דעריבער געמאַכט זיך ניט זעענדיק אויף די אַלע צוגרייטונגען פון די דרומלייט צום אויפשטאַנד.

אייבראַם לינקאָלן.

אין אָט דער שרעקלאַך שווערער צייט, ווען אַ גרויסער טייל פון דער מלוכה איז גרייט געווען זיך אָפּצורייסן, ווען דער אויפשטאַנד אין דרום איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט דאָס אָרט פון פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרנומען דער שפּע־טער אַזוי באַרימט געוואָרענער אייבראַם לינקאָלן.

ניט אומזיסט איז דער אויסוואַל פון די רעפּובליקאַנער גע־פאַלן אויף דעם אָנגערופענעם קאַנדידאַט. אייבראַם לינקאָלן איז געוועזן אַ מענטש אַ קלוגער, אַ ענערגישער מיט אַ שטאַרקן ווילן, מיט אַ זעלטענעם אָראַטאָרישן טאַלאַנט.

לינקאָלנס פאָטער איז געווען אַן ערד=אַרבעטער. פון קינד=
ווייז אויף איז דעם קינפטיקן פּרעזידענט אויסגעקומען זיך צוצוגע=
וויינען צו שווערער אַרבעט. עטלאַכע מאָל איז דער פאַמיליע
לינקאָלן אויסגעקומען אי=
בערצוּוואַנדערן פון איין
אָרט אויפן אַנדערן, צו
באַזעצן זיך אויף אַ ווילדן,
ניט קיין באַאַרבעטן באָדן.

אייבראַם לינקאָלן.

דער פאַמיליע איז ניט
איינמאָל אויסגעקומען צו
פירן אַ שווערן קאַמף מיט
דער אַרומיקער נאַטור: מע
האָט געדאַרפט איינוואַרפן
הונדערטיאָריקע ביימער,
אויסוואָרצלען שטאַמען,
פאַרוואַנדלען סטעפּעס אין
פעלדער צום זייען...

דעם יונגן לינקאָלנען פלעגט אויסקומען צו אַרבעטן האַנט
בײַ האַנט מיטן פאָטער. די שווערע אַרבעט האָט אים פאַרהאַר=
טעוועט און צוגעוויינט אַריבערצוטראָגן די שווערסטע באַדינגונ=
גען פון לעבן.

ניט געקוקט אויפן שווערן וואַנדערלעבן האָט זיך לינקאָלן
דאָך זייער פרי אויסגעלערנט לייענען. געלערנט האָט מען אים
ווייניק, אָבער ער איז געווען זייער אַ פייאיק קינד און איז אַ סך
דערגאַנגען אַליין. אָפטמאָל האָט ער ניט געהאַט קיין פאַפיר און
קיין פענע. דאַן האָט ער געשריבן מיט קויל אויף דער וואַנט
אָדער מיט אַ שטעקן אויפן זאַמד.

דער חשק צום לייענען איז בײַ אים געווען גוואַלדיק גרויס.
דערהויפט האָבן געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק די ביכער, וואָס

האָבן דערציילט וועגן דעם לעבן פון וואַשינגטאָן און די אַמעריקאַנער קעמפער פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון די שטאַטן.

און אין די יונגע יאָרן איז שוין בײַ לינקאָלנען אויסגעוואַקסן אַ הייסער פאַרלאַנג צו דינען דעם פאָלק, ברענגען אים גליק.

קיין געלט אויף צו קויפן ביכער האָט לינקאָלן ניט געהאַט און דעריבער איז אים ניט איינמאָל אויסגעקומען פאַר אַ בוך צו אַרבעטן בײַ יענעם עטלאַכע טעג.

די שכנים פון דאָרף האָבן געהאַלטן לינקאָלנען פאַר אַ געלערנטן און זיי פלעגן זיך צו אים ווענדן, ער זאָל זיי שרייבן בריוו. זײַנע בריוו האָבן געקראָגן אַ שם. מ׳האָט צו אים גענומען קומען פון די אַלע אַרומיקע דערפער און מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער בריוו־שרייבער פון דער גאַנצער געגנט.

אַ דאַנק די בריוו האָט זיך לינקאָלן אויסגעלערנט אויסצודריקן פרעמדע געדאַנקען און ווינטשן.

אין די יונגע יאָרן האָט זיך לינקאָלן באַשעפטיקט מיט אַ סך מלאכות. קיינע פון זיי האָבן אים אָבער ניט באַפרידיקט. אַ געוויסע צייט האָט ער פאַרוואַלטעט מיט אַ פּאָסט־קאָנטאָר אין אַ קליין שטעטל.

די אַרבעט האָט ער געפירט גאָר אויף אַ מאָדנעם שטייגער. ער האָט פאַרוואַנדלט די קאָנטאָר אין אַ עפנטלאַכן לייענזאַל. ער פלעגט פאָרלייענען דעם עולם צייטונגען, דערציילן וועגן אַלץ, וואָס ס׳קומט פאָר אויף דער וועלט, פאַרענטפערן פאַרשיידענע פראַגן.

אומעטום, וואו לינקאָלן האָט געאַרבעט, האָט מען אים געשעצט און געליבט. בײַ אים האָט מען אַלעמאָל געקאָנט קריגן אַ קלוגע עצה, אַ גוטן בוך, אַ ריכטיקע ידיעה.

אין יאָר 1836 הייבט זיך אָן לינקאָלן צו פאַרנעמען מיט אַדוואָקאַטור. אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט ער שוין באַוואוסט ווי איינער פון די בעסטע אַדוואָקאַטן.

לינקאָלן האָט שטענדיק פאַרטיידיקט די באַליידיקטע און אונטערדריקטע. מיט זײַנע גלענצנדיקע רעדעס האָט ער געראַטעוועט אַ סך מענטשן פון תפיסה און פון טויט.

לינקאָלן — אַ מלוכה־מאַן.

צו 25 יאָר, נאָך איידער לינקאָלן איז געוואָרן אַדוואָקאַט, האָט מען אים שוין אויסגעוויילט פאַר אַ פאָרשטייער אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג פון זיין שטאַט אילינאיס.

אין דער צייט פון די וואַלן איז לינקאָלן אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און דערפער פון זיין קרייז, דערציילט דעם פאָלק, וואָס פאַר אַן אָרדענונג און וואָס פאַר אַ רעפאָרמעס ער וועט פאַרטיידיקן אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג.

איינמאָל האָט ער געהאַלטן אַ רעדע פאַר אַ המון פון ערד־אַרבעטער.

נאָך זיין רעדע האָט איינער פון די אַרבעטער צו אים אַזוי זיך אָפּגערופן:

— ה. רעדנער זייער שיין, די אַרבעטער וועלן אָבער אָפּגעבן זייערע שטימען נאָר אַזויגעם, וואָס וועט קענען אַרבעטן ניט ערגער פון זיי. דער שמועס איז פאָרגעקומען לעבן אַ פעלד, וואו מ׳האָט געשניטן קאָרן.

ניט ענטפערנדיק קיין וואָרט, האָט לינקאָלן אַראָפּגעוואָרפן דעם ראָק מיטן זשילעט, פאַרקאַשערט די אַרבל און גענומען צוגלייך מיט די אַרבעטער שניידן קאָרן. דאַן האָבן די אַרבעטער דערזען, אַז לינקאָלן קען ניט נאָר שיין ריידן, נאָר אויך גוט אַרבעטן.

אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז לינקאָלן צוגעשטאַנען צו דער רעפּובליקאַנישער פאַרטיי. נאָך פריער איז ער שטענדיק אַרויסגעטראָטן קעגן דער קנעכטשאַפט. פון טיפן האַרצן האָט ער געהאַסט די קנעכטבאַזיצער, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען אויסדערוויילטע און זיינען פריי פון אַרבעט, אַז האָרעווען פאַר זיי דאַרפן אַנדערע.

שטענדיק פלעגט פאַר זיינע אויגן שטיין דאָס בילד, וואָס ער האָט אַמאָל אין די יונגע יאָרן געזען: אַ פלאַנטאַטאָר האַקט אָפּ אַ האַנט ביי זיינעם אַ קנעכט דערפאַר, וואָס דער קנעכט האָט

אויפגעהויבן די האַנט כּדי צו פאַרהיטן זיך פון דעם באַלעבאָס'ס אַ קלאַפּ.

אין יאָר 1848 איז לינקאָלן אויסגעוויילט געוואָרן אין קאָנ־גרעס. דאָ אין קאָנגרעס האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַ ביטערן קאַמף מיט די קנעכטבאַזיצער.

די מאַכט איז נאָך דאַן געווען ביי זיי אין די הענט, ער האָט זיך אָבער פאַר זיי ניט געשראָקן.

לינקאָלן האָט זיך ניט באַנוגנט מיט די רעדעס אין קאָנ־גרעס. זייער אָפט פלעגט ער אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע שטעט און דאָרט אויך הייס אַרויסטרעטן קעגן קנעכטשאַפט.

איין רעדע האָט ער פאַרענדיקט מיט אַזוינע ווערטער:

„יע, מיר וועלן קעמפן פאַר דער פרייהייט, קעמפן מיט דער קנעכטשאַפט, ביז וואַנען מיר וועלן זיך דערשלאָגן, אַז אין רעם גאַנצן לאַנד אונזערן, אונטער די שטראַלן פון דער זון און אונטער די טראָפּנס פון רעגן וועלן ניט אַרויסגיין צו דער אַר־בעט נאָר פרייע אַרבעטער".

וואָס ווייטער איז לינקאָלן געוואָרן אַלץ באַרימטער. אינגיכן איז ער געוואָרן דער פירער פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי.

אין יאָר 1860 האָט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי אַרויסגע־שטעלט זיין קאַנדידאַטור אויפן פּאָסטן פון פּרעזידענט און דער געוועזענער ערדאַרבעטער האָט דעם הויכן פּאָסטן פאַרנומען.

ווי באַלד ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז לינקאָלן איז אויסגע־וויילט געוואָרן פאַר אַ פּרעזידענט, האָבן די דעלעגאַטן פון דעם שטאַט „דרומדיקע קאַראָלינע" געמאָלדן, אַז פאַר זיי עקזיסטירט ניט דאָס געזעץ פון יאָר 1788, לויט וועלכן אַלע שטאַטן זיינען פאַר־אייניקט אין איין מלוכה.

דער דאָזיקער שטאַט האָט זיך אַלזאָ אָפּגעריסן פון דעם אַלגעמיינעם פאַרבאַנד.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך נאָך עטלאַכע דרום־דיקע שטאַטן אויך אָפּגעטיילט פון פאַרבאַנד.

דעם 18 פעברואַר 1861 האָבן זיך די דעלעגאַטן פון די אַלע אָפּגעריסענע שטאַטן פאַרזאַמלט אין דער שטאָט מאַנגאָמערי

און פראָקלאַמירט, אַז זיי, די דרומדיקע שטאַטן, בילדן אַ באַזונ־דער מלוכה מיט אַ באַזונדערן פּרעזידענט און אַ באַזונדערער געזעצ־געבערישער פאַרזאַמלונג.

די דרומלייט האָבן אויך אויסגעאַרבעט פאַר זייער מלוכה נייע געזעצן.

דער הויפּט־גרונט פון די אַלע געזעצן איז, פאַרשטייט זיך, געזעצן קנעכטשאַפט.

די גרויסע רעפּובליק איז אויף אַזאַ אופן צעפאַלן געוואָרן אויף צוויי טיילן.

די רעגירונג פון די דרומדיקע שטאַטן האָט פאַרכאַפּט די אַלע מלוכה־אַנשטאַלטן, צוגענומען אַלע קריגס־מאַטעריאַלן, אַרי־בערגעצויגן אויף איר זייט דעם גאַנצן חייל, וואָס האָט זיך גע־פונען אין דרום.

ביז ניי־יאָר איז פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן דער אַלטער פּרעזידענט. ער האָט ניט אָנגענומען קיינע מיטלען קעגן די דרומלייט און אויף אַזאַ אופן געהאָלפן זיי אָרגאַניזירן אַן אַרמיי אויף צו קעמפן מיט די צפונדיקע שטאַטן.

לינקאָלן האָט פאַרנומען זיין פּאָסטן אין מאַרט 1861.

אין פעברואַר פון דעמזעלבן יאָר, איז, ווי באַוווּסט, אין רוסלאַנד לויטן באַפעל פונעם קייסער אַלעקסאַנדער II בטל גע־וואָרן די פּאַנשטשיזנע.

די דאָזיקע ידיעה האָט צוגעגעבן נאָך מער מוט די אַמע־ריקאַנער קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון די קנעכט ביי זיי אין לאַנד. די שטימונג אין צפון איז געוועזן זייער אַ געהויבענע.

לינקאָלן האָט לכתחילה געוואָלט טאָן אַלץ, וואָס ס'איז מיגלאַך, כדי דורכצוקומען מיט די דרומדיקע שטאַטן, און בדרך שלום צוריקקערן זיי אין פאַרבאַנד.

אין זיין רעדע צום פאָלק האָט דער נייער פּרעזידענט אָנגעוויזן, אַז ער וויל ניט אָפּנעמען ביי די קנעכטבאַזיצער זייער אייגנטום, אַז ער האָט ניט בדעה אָפּצושאַפן די קנעכטשאַפט דאָרט, וואו דאָס איז ערלויבט לויטן געזעץ. ער פאַרלאַנגט נאָר

איין זאַך — אַלע זאָלן זיך אונטערוואַרפן די גרונד־געזעצן פון לאַנד און ניט צערייסן דעם אַלגעמיינעם פאַרבאַנד.

די דרומלייט האָבן אָבער פון קיין זאַך ניט געוואָלט וויסן. זיי זיינען די ערשטע באַפאַלן דעם חייל, וואָס איז געבליבן טריי דער אַלטער רעגירונג.

דער דאָזיקער אָנפאַל האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די באַפעלקערונג פון די צפונדיקע שטאַטן.

לינקאָלן האָט באַלד אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף וועגן שאַפן אַ פרייוויליקע אַרמיי פון 70 טויזנט מאַן. די אַרמיי איז זייער גיך געשאַפן געוואָרן און זי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דרומדיקן חייל.

אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלאַכע ברודער־מלחמה צווישן די אַמעריקאַנער. די מלחמה האָט געדויערט 4 יאָר. ביידע צדדים האָבן געקעמפט מיט זעלטענעם מוט און שרעקלאַכער פאַרביטערטקייט.

פון ביידע צדדים זיינען געווען אַסך פעאיקע און דרייסטע גענעראַלן. דער נצחון האָט זיך געוואַקלט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם צד. און מ'האָט לאַנג ניט געקאָנט וויסן, ווער עס וועט זיך סוף־כל־סוף אונטערגעבן.

אין ביידע לענדער, האָט די מלחמה אָנגעמאַכט אַ שרעקלאַכן חורבן: אַ סך שטעט און דערפער זיינען פאַרברענט געוואָרן, מאַסן מענטשן זיינען געהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן.

גאַנץ אַמעריקע האָט איבערגעלעבט אַ גוואַלדיקן קריזיס.

די באַפרייונג.

אין אָנהייב פון דער מלחמה האָט לינקאָלן אין זיינע אויפרופן גאָרנישט ניט דערמאָנט וועגן קנעכטשאַפט. ער האָט ניט געוואָלט צערייצן די דרומלייט. דער פרעזידענט האָט געמאָלדן, אַז ער רופט צונויף די אַרמיי נאָר צוליב דעם, כדי איינצוהאַלטן

די גאַנצקייט פון דעם פאַרבאַנד, כדי צו צווינגען די אָפּגעפאַלענע אָנערקענען די געזעצן פון דעם לאַנד. און אַ לאַנגע צייט נאָכ־דעם האָט לינקאָלן אַליין ניט געקאָנט פועלן ביי זיך אָנצונעמען שאַרפע מיטלען, כדי אָפּצושאַפן די קנעכטשאַפט. פאַרקערט, איי־נעם אַ גענעראַל, וואָס האָט אַליין באַפרייט די קנעכט, האָט לינ־קאָלן באַזייטיקט פון זיין אַמט.

די צייט איז געגאַנגען און די פאַרזיכטיקע באַציונג פון דעם פרעזידענט צו דער וויכטיקסטער פראַגע האָט אויף די דרומלייט קיין שום ווירקונג ניט געהאַט. זיי האָבן פאָרגעזעצט די מלחמה מיט דערזעלבער פאַרביטערטקייט. דערזען, אַז מיט גוטן קען מען גאָרניט פועלן, האָט לינקאָלן אַרויסגעגעבן אַ דע־קרעט, אַז די קנעכט, וואָס וועלן אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, וועלן באַפרייט ווערן. דער דעקרעט האָט געבראַכט אַ גרויסן ערפאָלג די צפונלייט. גרויסע מחנות קנעכט האָבן זיך דאַן אַ לאָז געטאָן צו זיי, כדי צו באַקומען די פרייהייט.

דידאָזיקע געשיכטע האָט נאָך מער צערייצט די דרומלייט.

לינקאָלן האָט דאַן באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכן אַ סוף מיט דער קנעכטשאַפט.

אין סעפטעמבער 1862 האָט ער געמאָלדן, אַז אויב די צע־בונטעוועטע שטאַטן וועלן זיך ניט אונטערגעבן אין משך פון 3 חדשים, גיט ער פולע פרייהייט די אַלע קנעכט, וואָס געפינען זיך אין די פאַרנומענע געביטן.

די דראָונג האָט אויך ניט געווירקט אויף די קנעכטבאַזיצער.

דאַן האָט לינקאָלן דעם 1 יוני 1863 ערקלערט אַלע קנעכט פאַר פרייע בירגער פון לאַנד. די קנעכטשאַפט אין אַמעריקע איז אַזוי אַרום געפאַלן.

דער סוף פון דער מלחמה און לינקאָלנס מאָרד.

די מלחמה האָט געדויערט נאָך גאַנצע 3 יאָר.

נאָך גאַנצע 3 יאָר האָט זיך געגאָסן בלוט, נאָך גאַנצע 3 יאָר

האָבן די אַמעריקאַנער געהרגעט איינע די אַנדערע, חרוב געמאַכט דאָס אייגענע לאַנד.

אין די לעצטע יאָרן האָבן דערהויפּט גענומען פּילן די מלחמה די אײַנוואוינער פון דרום. די צפונלייט האָבן פאַרשפּאַרט זייערע שיפן אין די האַפנס, און דער גאַנצער האַנדל פון דרום האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער הויפּט־פּראָדוקט פון דעם לאַנד, דער בוימוואָל, האָט געפוילט אין די שפּייכלערס און מ'האָט אים ניט געקאָנט אַרויספירן.

דער נצחון האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מערער גענומען נייגן אויפן צד פון צפון.

סוף־כל־סוף, נאָך אַ גאַנצער ריי נצחונות האָט די צפונדיקע אַרמיי צעשלאָגן די דרומדיקע און דעם 9 אַפּריל 1865 האָט זיך דער הויפּטקאָמאַנדיר פון דעם דרומדיקן חייל גענעראַל לי אונ־טערגעגעבן ביי דער הויפּטשטאָט פון דרום—ריטשמאָנד.

ליַנקאָלן האָט פייערלאַך פאַרנומען די הויפּטשטאָט פון די אויפגעשטאַנענע שטאַטן, דער חייל זיינער האָט באַזעצט די וויכ־טיקסטע פּונקטן און די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט.

דאָס פאָלק האָט אָפּגעשאַצט די גוואַלדיקע אויפטוען פון דעם פּרעזידענט אין דער שרעקלאַכער מלחמה און ביי די צווייטע װאַלן ווידער אויסגעוויילט אים אויף דעם הויכן פּאָסטן. עס איז אים שוין אָבער ניט אויסגעקומען לאַנג דעם פּאָסטן צו פאַרנע־מען. די שונאים זיינע האָבן זיך ניט באַרואיקט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער איז שולדיק אין זייער מפּלה, און דעריבער באַשלאָסן אים אומצוברענגען.

און זיי האָבן דעם באַשלוס אויסגעפירט.

איינמאָל, ווען דאָס פאָלק האָט געפייערט דעם טאָג פון פאַרענדיקן די מלחמה, האָט אַ מערדער אויסגעשאָסן אין פּרעזי־דענט ווען ער איז געזעסן אין טעאַטער און געהרגעט דעם פּרע־זידענט אויף אָן אָרט.

דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק האָט פיל געטרויערט נאָכן באַליבטן פּרעזידענט. מער פאַר אַלעמען האָבן נאָך אים געטרוי־ערט די שוואַרצע נעגערס, די באַפרייטע קנעכט.

לינקאָלנס טויט האָט ניט אַרויסגערופן אין לאַנד קיין איבער־קערעניש, אויף וועלכער די דרומלייט האָבן געהאָפט.

דאָס געזעץ וועגן די שוואַרצע איז ניט געקוקט אויף קיינע שטערענישן, אריין אין קראַפט.

אין דעם טאָג, ווען דאָס געזעץ איז פאַרעפנטלאַכט גע־וואָרן, האָט דער סענאַטאָר סאַמנער, וועלכן מ׳האָט אַמאָל שיר ניט געהאַנגען פאַר אַ רעדע לטובת די שוואַרצע, געווענדעט זיך צום פאָלק מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„איצט, אַז די קנעכטשאַפט איז געפאַלן, וועט ערשט די רעפּובליק אָנהייבן צו לעבן, וואָרים וואָס פאַר אַ לעבן איז גע־ווען אָן פרייהייט?

דער אַמעריקאַנער יידישער שריפטשטעלער מאָריס ראָזנפעלד ווידמעט דעם גרויסן קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון די שוואַר־צע אייבראַם לינקאָלן פאָלגנדיקן שיר:

זיפצנד האָט דער אָרימער נעגער
זיין פאַרלאָרנקייט געמיינט,
און האָט אויף זיין ווייסט בעלעגער
דורך די שטילע נעכט געוויינט.

מיט די ווייסע ציינער בייסן
פלעגט ער אָפט זיין שוואַרצע לייב,
פלעגט אויף זיך די הויט צערייסן
און דעם סוד פאַרטרויט זיין ווייב.

נאָר דעם יאָך האָט ער געטראָגן,
שטיל און רואיק ווי אַ לאַם,
פלעגט זיין שיקזאל ניט באַקלאָגן,
האָט געשטיקט אין זיך די פלאַם.

אַפריקע האָט אים געצויגן,
נאָך זיין היים האָט ער געגאַרט,
דורך די בענקשאַפטפולע אויגן
האָט דער ווײ זיך דורכגעשפּאַרט.

דאָך דער הימל האָט פאַרנומען
דעם פאַרלאָרענעמס געבעט,
און אַ מלאך איז געקומען
און האָט פריי דאָס וואָרט גערעדט.

אויף קענטאָקיס גרינע וויזן,
אין אַ שטיבל אויפן פעלד —
איז דער ריז פון פרייהייטס־ריזן
אָנגעקומען אויף דער וועלט.

„לאָזט אים פריי!" — האָט ער געליאַרימט.
„ווערט דורך זיין פאַרגיין ניט רייך!
גאָט האָט זיך אויף אים דערבאַרימט,
שוואַרץ צי ווייס, מיר זיינען גלייך!"

און ער האָט די קייט צעריסן
און געלאָזן גיין דעם קנעכט,
און באַפרייט אַ פאָלקס געוויסן
און געקרוינט דאָס מענטשנרעכט.

די נעגערס — גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון די שטאַטן.

די נעכטיקע קנעכט זיינען אַלזאָ פריי געוואָרן. פערטהאַלבן מיליאָן מענטשן האָבן מיטאַמאָל געקראָגן אַ מיגלאַכקייט פריי צו אָטעמען, פריי צו דענקען און צו פילן, פריי צו אַרבעטן, ניט הערנדיק פסדר איבער זיך די געשרייען און דעם בייטשן-קנאַל פון די אויפזעער.

איצט האָט שוין קיינער ניט געקאָנט אָפנעמען דאָס קינד ביי דער שוואַרצער מוטער, צעשיידן דעם נעגער מיט זיין פרוי. דער נעגער האָט זיך געקאָנט באַזעצן, וואו נאָר ער האָט געוואָלט, געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט דער אַרבעט, וואָס איז אים געווען ליב.

נאָך דער באַפרייונג האָבן די נעגערס אָבער נאָך אַלץ ניט באַקומען די אַלע רעכט, וואָס ס׳האָבן געהאַט די ווייסע. די שוואַרצע האָבן ניט געטאָרט אָנטייל נעמען אין דער פאַרוואַלטונג פון די שטאַטן, זיי האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו וויילן און אויסגעוויילט צו ווערן אין דער פאָלקס-פאַרזאַמלונג.

לינקאָלן מיט זיינע יועצים האָבן זיך באַצויגן צו די שוואַרצע מיט אומצוטרוי. זיי האָבן גערעכנט, אַז די נעכטיקע קנעכט וועלן נאָך ניט קענען נעמען קיין אָנטייל אין דעם מלוכה-לעבן פון דעם לאַנד.

די פרייהייטס-פריינד האָבן זיך מיט אַזאַ לאַגע פון די שוואַרצע ניט געקאָנט באַפרידיקן. כל-זמן דער נעגער איז ניט אויסגעגליכט געוואָרן אין אַלע רעכט מיט די ווייסע, האָט מען נאָך אַלץ געקוקט אויף אים מיט פאַראַכטונג, ווי אויף אַ נידעריקער באַשעפעניש.

— „דער נעגער — האָבן זיי געטענהט — האָט זיך איצט באַפרייט פון דעם יאָך, וואָס האָט געפּענטעט ניט נאָר זיין קערפער, נאָר אויך זיין גייסט, זיין פאַרשטאַנד. דער פרייער נעגער

וועט געוויס אויך קאָנען פאַרשטיין אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער מלוכה און נעמען אַ טיכטיקן אָנטייל אין אַלגעמיינעם מלוכה-לעבן".

די פּריוואַטבאַזיצער-פרייַנד האָבן דעריבער געפאָדערט, מ'זאָל אויסגלייכן די נעגערס אין אַלע רעכט מיט די ווייסע.

נאָך אַ לענגערן קאַמף האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פּועלן בייַ דער רעגירונג זי זאָל דידאָזיקע פאָדערונג באַפרידיקן.

די רעגירונג האָט זיך דערבייַ גערעכנט ניט אַזוי מיט דער לאַגע פון די שוואַרצע, ווי מיט אַ וויכטיקן פּאָליטישן מאָטיוו.

נאָך דער מלחמה האָט מען בייַ די דרומלייַט צוגענומען דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אין דער פאַרוואַלטונג פון די שטאַטן. די צפונלייַט האָבן פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועט אַזאַ לאַגע ניט קאָנען דויערן, אַז סוף-כל-סוף וועט מען מוזן אומקערן די דרומלייַט זייערע רעכט.

כדי אָבער צו באַוואָרענען זיך, אַז די גאַנצע מאַכט זאָל ווידער ניט אַרייַנפאַלן צו די דרומלייַט אין די הענט, האָט די רעגירונג באַשלאָסן צו געבן פולע בירגער-רעכט די שוואַרצע. די רעגירונג איז געווען זיכער, אַז די נעגערס וועלן שטענדיק האַלטן דעם צד פון זייערע צפונדיקע באַפרייַער. די נעגערס האָבן געבילדעט כמעט אַ העלפט פון דער גאַנצער דרומדיקער באַפעלקערונג. זייערע שטימען בייַ די וואַלן האָבן דעריבער געהאַט אַ גרויסע באַדייַטונג.

די דרומלייַט האָבן מיט אַלע כּוחות געשטערט דורכצופירן דאָס געזעץ וועגן שענקען די שוואַרצע אַלע רעכט. די פריוואַטבאַזיצער-פרייַנד האָבן זיך אָבער דערשלאָגן זייערס און אין יאָר 1868 האָט דער קאָנגרעס אַרויסגעלאָזט אַ געזעץ, לויט וועלכן שטים-רעכט בייַ די וואַלן באַקומען אַלע בירגער פונם לאַנד, פון וואָס פאַר אַ פאַרב און פאָלק זיי זאָלן ניט זייַן.

ניט געקוקט אויף די אַלע רעכט, וואָס די ווייסע האָבן געשאָנקען זייערע שוואַרצע ברידער, זייַנען זיי דאָך באַגאַנגען בנוגע צו די נעגערס אַ שרעקלעכע עוולה. זיי האָבן בייַ דער באַפרייַונג ניט באַזאָרגט די שוואַרצע מיט ערד, וואָס זאָל זיי אויף ווייטער קענען געבן חיונה. דער נעגער האָט ניט באַקומען קיין ברעקל פון

דער ערד, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג באַגאָסן מיט זיין שווייס און בלוט.

פיר מיליאָן מענטשן האָבן ניט געהאַט קיין שום מיטלען צום לעבן. צווישן זיי זיינען געווען 800 טויזנט קינדער, איבער 100 טויזנט יתומים און אַ סך אַלטע און שוואַכע.

פאַר די געזונטע האָט מען געדאַרפט קריגן אַרבעט, די קראַנקע און שוואַכע האָט מען געדאַרפט באַזאָרגן מיט שטיצע.

די לאַגע פון די באַלעבאַטים איז אויך געווען אַ קריטישע. נאָך דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריזיס אין לאַנד און אַ סך פון די פלאַנטאַטאָרס זיינען פאַראָרימט געוואָרן.

די פרייהייטספריינד האָבן געהאַט אַ סך צו זאָרגן וועגן די שוואַרצע. די ערשטע צייט נאָך דער באַפרייונג איז די לאַגע געווען זייער אַ שווערע, אָבער ביסלאַכווייז האָט זי זיך גענומען פאַרבעסערן.

פיל פון די שוואַרצע האָבן עמיגרירט אין די צפונדיקע שטאַטן, גענומען זיך דאָרט צו פאַרשיידענע מלאָכות, אַרענדירט און באַאַרבעט ערד.

דער גרעסטער טייל פון די שוואַרצע איז פאַרבליבן אין דרום און פאַרדונגען זיך צו די פריערדיקע באַלעבאַטים פאַר געהאַלט.

די פרייהייטספריינד האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי צו העלפן די שוואַרצע זיך איינצואָרדנען און זיך צוצופאַסן צום נייעם לעבן.

זיי האָבן פיל פון די נעגערס באַזאָרגט מיט אַרבעט, גע־עפנט פאַר זיי שולן, פאַר דער באַפרייונג איז אין דרום פאַר־ווערט געווען צו לערנען די שוואַרצע. איצט איז דאָס אַלטע געזעץ בטל געוואָרן און די פרייהייטס־פריינד האָבן געטאָן זייער אַ סך, כדי צו פאַרשפרייטן בילדונג צווישן די שוואַרצע.

די רעזולטאַטן פון דער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די נעגערס האָבן זיך אַרויסגעוויזן זייער גיך. אין 20 יאָר אַרום נאָך דער באַפרייונג זיינען שוין געווען אין אַמעריקע 20 טויזנט פאָלקסשולן פאַר שוואַרצע מיט אַ מיליאָן שילער, איבער 100 גימנאַזיעס, 22 העכערע שולן.

פון צווישן די נעגערס זיינען אַרויסגעקומען אַ סך שריפט־שטעלער און געלערנטע, אויך פיל פּאָליטישע טוער. פון די לעצטע איז באַזונדערס באַרימט געוואָרן איינער פרעדעריק דוגלאַס.

דוגלאַס איז געבאָרן געוואָרן אין קנעכטשאַפט אין איינער פון די דרומדיקע פּלאַנטאַציעס. יונגערהייט איז ער אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד און האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַמעריקע נאָך דער באַפרייונג פון די שוואַרצע. צו 24 יאָר האָט דוגלאַס נאָך ניט געקאָנט ניט לייענען, ניט שרייבן.

שפּעטער האָט ער זיך גענומען בילדן, האָט אַרויסגעוויזן זעלטענע פייאיקייטן און איז געוואָרן איינער פון די געבילדעטסטע מענטשן אין אַמעריקע.

ווי אַזוי באַציט מען זיך איצט צו די שוואַרצע אין אַמעריקע?

די מורא פון די קעגנער פון דער באַפרייונג, אַז די נעגערס וועלן ניט זיין פעאיק צו בילדונג און וועלן ניט קענען נעמען קיין אַנטייל אין דעם געזעלשאַפטלאַכן און מלוכה לעבן, איז געווען ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ פאַלשע.

די האָפענונגען, וואָס די פרייהייטספריינד האָבן אַרויפגעלייגט אויף די נעגערס, האָבן די שוואַרצע ערפילט אויפן בעסטן אופן. ניט געקוקט אָבער אויף דעם איז צו די שוואַרצע אין אַמעריקע דאָך פאַרבליבן אַ האַס נאָך ביז היינטיקן טאָג.

די אַלטע שנאה צו די שוואַרצע איז עד־היום נאָך ניט אויס־געוואָרצלט געוואָרן. עד היום קוקט מען נאָך אין אַמעריקע אויף די נעגערס ווי אויף נידעריקערע באַשעפענישן, הגם זיי ברענגען זייער פיל נוצן די ווייסע. די דרומדיקע גוטבאַזיצער וואָלטן גאָר ניט געקאָנט עקזיסטירן אָן די ביליגע הענט פון די שוואַרצע.

די נעגערס וואוינען אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון די ווייסע.

די שוואַרצע האָבן באַזונדערע קלויסטערס, שולן, געזעלשאַפטן, טעאַטערס, יום-טובים.

אין די אַנשטאַלטן פון די ווייסע לאָזט מען די שוואַרצע ניט אַריין.

הגם די שוואַרצע זיינען איצט אויסגעגלייכט אין די בירגער-רעכט מיט די ווייסע, נעמען דאָך די ווייסע אָן אַלע מיטלען כדי ניט צו דערלאָזן זיי אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם לאַנד.

צו די נעגערס באַציט מען זיך מיט גרויס חשד. פאַר די קלענסטע פאַרברעכנס ווערן זיי באַשטראָפט מיט די האַרבסטע שטראָפן. ערגער איז זייער לאַגע אין דרום, אָבער ניט גוט איז אויך די לאַגע זייערע אין צפון.

די גרעסטע באַליידיקונג פאַר דעם אַמעריקאַנער איז, אַז מע רופט אים אָן „נעגער".

די נעגערס ווערן ניט דערלאָזן אין קיין קלובן, רעסטאָראַנען, קורירער-צוגן.

אומעטום זיינען פאַראַן פאַר זיי באַזונדערע האָטעלן, רעסטאָראַנען, טעאַטערס, צוגן.

„די שוואַרצע אַמעריקע—זאָגן די אַמעריקאַנער—מוז מען האַלטן אין צוואַנגען".

און דער נעגער פילט נאָך טאַקע עד היום אַ שווערן יאָך.

אין די שטעט וואוינען זיי אין באַזונדערע הויפן, אָפטמאָל אפילו אין באַזונדערע קוואַרטאַלן. פאַר זיי זיינען צוטריטלאַך אין גרעסטן טייל אַזוינע אַרבעטן, וואָס די ווייסע האַלטן פאַר אַ דערנידערונג מיט זיי זיך צו באַשעפטיקן. די נעגערס זיינען אין גרעסטן טייל דינער, לאַקייען, קוכערס אויף די שיפן און אין די רעסטאָראַנען.

אמת, ניט אַלע אַמעריקאַנער באַציען זיך אַזוי צו די שוואַרצע. פאַראַן אויך אַזוינע אַמעריקאַנער, וואָס קוקן אַנדערש אויף די נעגערס, וואָס באַציען זיך צו זיי ברידערלאַך, ווי צו גלייכע. אמתע נעגער-פריינט איז אָבער פאַראַן צווישן די ווייסע אַמעריקאַנער ניט קיין סך.

דער בלוטיקער „מנהג לינטש.‟

אויף ווי ווייט עס איז גרויס דער האַס פון די אַמעריקאַנער צו די נעגערס באַווייזט דער פאַקט, וואָס ביז איצט האָט מען נאָך אין אַמעריקע זייער אָפט געמשפט די שוואַרצע לויטן בלוטיקן „מנהג פון לינטש‟. דערדאָזיקער מנהג איז באַשטאַנען דערין, וואָס לויטן מינדסטן חשד אין גנבה אָדער אין אַנדערע פאַרברעכנס האָט דער המון געקענט דערהרגענען אַ נעגער אין מיטן העלן טאָג אָן קיין שום דין און משפט. די מאַכט פלעגט זיך אין אַזעלכע פאַלן קיינמאָל ניט אַריינמישן און ניט שטערן דעם המון אויספירן די בלוטיקע רציחות איבער די שוואַרצע. די מערדער פלעגן פאַרבלייבן אינגאַנצן אומבאַשטראָפט.

דערדאָזיקער מנהג איז ביז איצט ווי אַ שאַנדפלעק געלעגן אויף אַמעריקע. די בעסטע מענטשן פון לאַנד האָבן שוין לאַנג אָנגענומען מיטלען מבטל צו מאַכן דעמדאָזיקן בלוטיקן מנהג.

ערשט איצט, אין יאָר 1922, אין 57 יאָר אַרום נאָך דער באַפרייונג פון די נעגערס, איז געלונגען דורכצופירן אין פאַרלאַמענט אַ געזעץ, וועלכער זעט פאָר אַ שטרענגע שטראָף סיי פאַר די, וואָס וועלן אָנטייל נעמען אין די רציחות, סיי פאַר די פאָרשטייער פון דער מאַכט, וואָס וועלן די רציחות דערלאָזן.

די גאַנצע שטאָט, וווּ די רציחה וועט פאָרקומען, וועט זיין פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר און וועט דאַרפן באַצאָלן די קרובים פון דעם דערהרגעטן אַ גרויסע סומע געלט.

ביים דער אָפשטימונג פון דעמדאָזיקן געזעץ האָט זיך אין פאַרלאַמענט צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער עולם נעגערס. דעם באַשלוס וועגן מבטל מאַכן דעם בלוטיקן מנהג האָבן זיי באַגריסט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

דער שווארצער לערער און פארטיידיקער פון די נעגערס.

די באציונג פון די אמעריקאנער צו די נעגערס רופט ארויס טיפע ליידן אין דער נשמה פון די געבילדעטע און באוווסטזיניקע נעגערס, מיט אלע מיגלאכקייטן, וואס געפינען זיך אין זייער רשות, פארטיידיקן זיי דאס רעכט פון זייערע פארהאסטע ברידער.

בוקער וואשינגטאן.

דער בעסטער פריינד און פארטיידיקער פון די נעגערס איז א לאנגע צייט געוועזן איינער א נעגער א פראפעסאר — בוקער וואשינגטאן.

בוקער וואשינגטאן איז אליין געבארן געווארן א קנעכט. נאך דער באפרייונג האט ער א געוויסע צייט שווער געארבעט אין די קוילנשאכטעס.

איינמאל האט ער זיך דערוווסט, אז ס'איז דא ערגעץ א שול מיט א אינטערנאט פאר נעגערס, ווו די שילער דארפן באצאלן פארן עסן און פארן לערנען מיט ארבעט.

בוקער וואשינגטאן האט דאן געווארפן די שאכטע און איז צופוס, אן געלט, אוועק אהין, כדי אנצוקומען אין דער שול. מ'האט אים צוגענומען און ער האט דארט געקראגן זיין ערשטע בילדונג.

— „דארט אין דער שול — דערציילט ער — האט זיך אויפגעוואכט אין מיר דאס אמתע לעבן, דארט האט זיך אויפגעכאפט די דרעמלענדיקע נשמה מיינע, אלע מיינע פייאיקייטן, ערשט דא

האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס ס׳הייסט זיין אַ פרייער מענטש, וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון יענעמס ווילן...

נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס פון דער שול האָב איך באַשלאָסן אוועקצולאָזן זיך אַהין, אין דער טיפעניש פון די דרומדיקע שטאַטן, כדי אָנצווייזן מיינע ברידער, וואָס זינקען אין דער פינסטערניש, דעם וועג צו אַ ריכטיקן לעבן.

אין מאַי 1881 האָט בוקער וואַשינגטאָן געעפנט אין טוסקעדזשי, אין שטאַט אַלאַבאַמאַ, אַ שול פאַר נעגערס.

די ערשטע צייט האָט ער דאָרט געלערנט איינער אַליין מיט אַ 30 תּלמידים.

באַלד איז די שול באַוווּסט געוואָרן צווישן די שוואַרצע.

די צאָל תּלמידים און לערער איז באַדייטנד גרעסער געוואָרן. פיל פון די שוואַרצע תּלמידים האָבן זיך גענומען גרייטן צו ווערן לערער. בוקער וואַשינגטאָן האָט דאַן געעפנט פאַר זיי ביי דער שול אַ סעמינאַר.

איצט איז די דאָזיקע שול פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ העכערן לערער־אינסטיטוט. דאָרט לערנען זיך איצט ביז 1000 שילער. מיט דער אַרבעט פירן אָן ביז הונדערט פּראָפעסאָרן, אַלע שוואַרצע.

וואַשינגטאָן האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער אַרבעט אין דער אָנגערופענער שטאָט. ער איז אַרומגעפאָרן איבער אַ סך שטעט און שטעטלאַך, אומעטום געעפנט הונדערטער נייע שולן, געזאָרגט וועגן דעם, אַז זיינע ברידער זאָלן זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער און נוצלאַכער אַרבעט.

מיט זיין שטאַרקן וואָרט האָט זיך בוקער וואַשינגטאָן שטענדיק באַמיט צו ווירקן אויף די ווייסע, זיי זאָלן איבעראַנדערשן זייער באַציונג צו די נעגערס, אָנגעוויזן, אַז דאָס שוואַרצע פאָלק וועט נאָך מיט דער צייט אַנטוויקלען זיינע פאַרבאָרגענע גייסטיקע כּוחות.

אין אַלע זיינע רעדעס דערווייזט בוקער וואַשינגטאָן, אַז דאָס גליק פון דער לאַנד פאַרלאַנגט, אַז די ווייסע זאָלן ענדערן זייער באַציונג צו די שוואַרצע. איינע פון זיינע רעדעס האָט ער אַמאָל פאַרענדיקט מיט פאָלגנדיקער ווענדונג צו די אַמעריקאַנער:

„בירגער און פריינד! וואָס איז אייער פארלאַנג? באַשליסט איינס פון דיביידע: אָדער איר ווילט האָבן ביי זיך אין לאַנד אַ פאָלק פון 10 מיליאָן, וואָס איז ביי אייך פאַרהאַסט און פאַר־האַסט דעריבער אויך אייך, אָדער איר ווילט ווערן ברידער פון די שוואַרצע העלפן זיי אין זייער גייסטיקער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג און אויסבילדן פון זיי טרייע פריינד, וואָס וועלן אייך מיטהעלפן אין דער אַרבעט פאַר דעם אַלגעמיינעם גליק?"

די ווונטשן פון בוקער וואשינגטאָן און פון אַלע אַנדערע שוואַרצע און ווייסע נעגער־פריינד, זיינען נאָך עד־היום ניט מקוים געוואָרן.

עד־היום עקזיסטירט נאָך ביי די מענטשן אַ האַס צו זייערע ברידער פון אַן אַנדער פאָלק און פון אַן אַנדער ראַסע.

און ניט נאָר אין אַמעריקע און ניט נאָר צו די נעגערס אַליין באַציט מען זיך ניט ווי צו גלייכע, ניט ווי צו ברידער.

מיר יידן האָבן אויך יאָרנלאַנג געפילט און פילן נאָך אין אַסך לענדער עד היום די שלעכטע באַציונג צו אונז מצד אַנדערע פעלקער.

אַזאַ לאַגע וועט שוין אָבער מסתמא לאַנג ניט דויערן.

ס'קומען אָן נייע צייטן, צווישן די מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער און דערהויפּט צווישן די אַרבעטער מאַסן פון די פעלקער שטעלן זיך איין גאָר אַנדערע באַציונגען ווי פריער.

עס קומט אָן אַ צייט פון אמתע, גלייכקייט, פרייהייט און ברידערלאַכקייט, אַ צייט פון ליבע און פון שלום.

מיר ווילן האָפן, אַז די דאָזיקע צייט איז שוין טאַקע גאָר ניט ווייט.

אינהאַלט.

זייט

די נעגערס אין אַפריקע — — — — — — — — — — — — 3
ווי אַזוי קומען די שוואַרצע קיין אַמעריקע? — — — — — 6
די שרעקלאַכע לאַגע פון די שוואַרצע קנעכט — — — — — 9
בענזשאַמען לענדי און וויליאַם האַריסאָן — — — — 18
וויליאַם טשאַנינג און דער פּאָעט לאָנגפעללאָ — — — — 27
טעאָדאָר פּאַרקער— — — — — — — — — — — — — 30
ביטשער סטאָו — — — — — — — — — — — — — 34
דער שליטל צו „פעטער טאָמס הייזל“— — — — — — — 43
דזשאָן בראַון— — — — — — — — — — — — — — 46
די בגידה פון די דרומדיקע שטאַטן — — — — — — — 51
איבראַם לינקאָלן — — — — — — — — — — — — 52
לינקאָלן — אַ מלוכה־מאַן — — — — — — — — — — 55
דער סוף פון דער מלחמה און לינקאָלנס מאָרד — — — — 58
די נעגערס—גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון די שטאַטן— — — 63
ווי אַזוי באַציט מען זיך איצט צו די שוואַרצע אין אַמעריקע? 66
דער בלוטיקער „מנהג לינטש“ — — — — — — — — —
דער שוואַרצער לערער און פאַרטיידיקער פון די נעגערס — 69